№ 20 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. אכטער יאָהרגאַנג. פּרייז 20 גראשען CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska Kraków Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז: פאר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 40 גראשען. נאָכ'ן טעקסט 25 גראשען
אין טעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלב 8 אנאָנסען שפּאלטען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פעראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dnia 17 maja 1929 — 7.06 ליכט-צינדען — פרייטאג פ' אמור ח' אייר תרפ"ט

Zarząd Banku Przemysłowców i Kupców

w Częstochowie, Spółdz. z ogr. odp. zawiadamia członków Banku, że **dn. 26 maja 1929 r. o godzinie 16-tej** odbędzie się w lokalu **Stowarzyszenia Przemysłowców i Kupców**, Kościuszki 13,

Walne Zgromadzenie Członków Banku

Porządek obrad Walnego Zgromadzenia: 1) Zagajenie zgromadzenia i wybór przewodniczącego 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1928 rok, b) Odczytanie bilansu i rachunku Strat i Zysków za 1928 rok, c) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1928 rok. 4) Odczytanie sprawozdania z rewizji dokonanej z ramienia Związku Rewizyjnego Żydowskich Towarzystw Spółdzielczych w Polsce. 5) Przyjęcie bilansu i udzielenia absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 6) Zmiana § 1 statutu spółdzielni. 7) Podział zysków. 8) Budżet na rok 1929. 9) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań jakie spółdzielnia może zaciągnąć. 10) Wybory: a) Jednego członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących, b) 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. Ustępują: z Zarządu p. Stanisław Prusicki, z Rady pp. M. Neufeld, A. Warszawski i J. M. Zylberberg.

די פערוואלטונג פון **פאַבריקאַנטען און סוחרים - באַנק**

ט. ב. ה. מאכט בעקאנט אלע מיטגליעדער, אז

זונטאג דעם 26 מאי 1929 יאהר 4 א זייגער נאַכמיטאג

קומט פאר אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען און סוחרים-פעראיין

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג און וואהל פון א פאָרזיצענדען. 2) אדורכלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פאריגער פערזאמלונג. 3) א) בעריכט פאר'ן 1928, ב) בילאנס און רעכנונג פון געווין און פערלוסט פאר'ן יאהר 1928, ג) בעריכט פון אויפזיכטס-ראט פאר'ן י. 1928. 4) אדורכלעזען דעם בעריכט פון דער רעוויזיע, געמאכט דורכ'ן רעוויזיאנס - פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווען אין פוילען. 5) אננעמען דעם בילאנס און ערטיילען אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראט. 6) ענדערען דעם פאר. 1 פון סטאטוט. 7) דאס פערטיילען דעם ריוח. 8) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1929. 9) בעשטימען די העכסטע סומע פערפליכטונגען וועלכע די באנק קען אויף זיך נעמען. 10) וואהלען: א) פון א פערוואלטונגס-מיטגליעד און 3 פערטרעטער אנשטאט די ארויסטרעטענדע פון דער פערוואלטונג ה' סט. פרושיצקי, פון ראט, די ה"ה מ. נייפעלד, א. ווארשאווסקי, י. מ. זילבערבערג.

CYRK ZOOLOGICZNY

Dyrekcja: DWORSKI, WELSTON, BERBERIDAS

נאָר אויף א קורצע צייט! רוג שלאָנסקא און יאסנא

טעגליך: אָהן אונטערשיעד פון וועטער גרויסע פאָרשטעלונג!

אָנהויב 8¹⁵ אָווענד, זונטאג 4 נאכמיטאג און 8¹⁵ אָווענד.

14 לייבען טרעשטלאסיגער וועלט - פּראָגראם. 14 לייבען

שעהנע פערד, און אנדערע ערשטקלאסיגע ארטיסטישע קרעפטען.

העלא זעליגמאַן — משה אהרן ערליך

פערלאָבטע

משענסטאכאוו — דעם 7 מאי 1929 יאהר — לאדז

צו דער פערלאָבונג פון אונזער זוהן און ברודער ה' **משה אהרן ערליך** מיט פרל. **העלא זעליגמאַן** ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט מיט רויזען בעצוידעט

עלטערן און געשוויסטער.

Z okazji zaręczyn szefowej naszej p. HELI ZELIGMANÓWNY z p. MAKSYMILJANEM ERLICHEM życzymy, aby promień szczęścia był nieodstępnym towarzyszem ich życia.

PERSONEL.

אונזער שוואגער און שוועגערין ישראל שווערטשינסקי און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן **זעליג** מיט פרל. **מאַניע מערטאַג** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב.

פאמיליע קיפער.

זונטאג דעם 19 מאי 4 א זייגער נאָכמיטאַג קומט פאר אין לאָקאַל פון האנדווערקער-פעראיין (אלעע 40)

די קאָנסטיטואירענדע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער געז. פאר געגענזייטיגער הילף **"אחי-עזר"**

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פאָרזיצענדען, 3) פראָטאָקאָל פון דער אָרגאַניזאַציאָנס-פערזאמלונג, 4) סטאַטוט, 5) וואהלען, 6) פרייע פאָרשלאגען.

בעמערקונג: מיטגלידס - דעקלאראציעס ווערען אנגענומען אין אויבענדערמאנטען לאקאל איינ'ס טאג פון דער פערזאמלונג.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole

z prawami szkół państwowych

Zofji Wajnsztokówny

Piłsudskiego № 13

(II brama, II piętro)

przyjmuje zgłoszenia nowowstępujących do przedszkola i szkoły od A do 4 włącznie. W r. szk. 1929-30 czynna będzie kl. 5 w godzinach popołudniowych.

Uwaga: Dla niezamożnych ulgi w opłacie.

פון גאנצען הארצען א סך גליק און פרייד ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוועגערין **העלא זעליגמאַן** צו דער תנאים מיט ה' **משה ערליך** פון לאדז. זאל דאס גליק אייך קיינמאל נישט פערלאָזען.

וואלף גליק, פרוי און קינד.

Z intencji zaręczyn p. HELI ZELIGMANÓWNY z p. MAKSYMILJANEM ERLICHEM życzę wiele szczęścia i radości w życiu

DORA ROTENSTEINÓWNA.

Z intencji zaręczyn p. HELI ZELIGMANÓWNY z p. MAKSYMILJANEM ERLICHEM serdeczne życzenia składają

Genia Zeligmanówna,
Feliks Broder.

BANK HANDLOWY w WARSZAWIE

Spółka Akcyjna

ODDZIAŁ w CZĘSTOCHOWIE

Przyjmuje na książeczki oszczędnościowe wkłady bezimienne na okaziciela, płacąc, aż do odwołania,

8% rocznie od wkładów złotowych

6 i pół % rocznie od wkładów dolarowych

opłacając nadto podatki i stemple.

נ"ע שמואל דוד ב"ר נחום ז"ל גיטלער

איז געשטאָרבען נאָך לאנגע און שווערע ליידען מאָנטאג 13 מאי 1929 (ג' אייר תרפ"ט) אין עלטער פון 88 י.
די אלע, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם לעצטען כבוד און אנטייל גענומען אין דער לויה, וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג דעם 14 מאי פון דער וואוינונג סטראַזשעצקא 1 דריקען אויס זייער איניגסטען דאנק
די אין טיפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמ'ס שנירען, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

זיי געפונען נישט פאר נויטיג.

(געווענדעט צו דער פינאנץ-בודושעט-קאמיסיע פון קהלה-ראט).

רו ענזיסטענץ פון קהלה - ראט אין אונזער שטאדט, איינגענטליך אויך פון דער קהלה-פערוואלטונג איז אונזט, ווי בעוואוסט, שוין „איבער דער צייט". דן סערענץ האט זיך, אזוי ווי אין פיעל יודישע קהלות, שוין פערענדיגט און זיי זיינען אזוי ווי א „בן תשעים" וואס ווערט בעצייכענט אלס „עבר ובטל מן העולם", ד. ה. ער לעבט מעקי נאך דער בן-תשעים, נאר דאס לעבען איז שוין קיין לעבען נישט, אבער פארט וועל איך מיר דערלויבען צו בעריהרען א פראגע וואס איז נוגע דעם קהלה-ראט און זיינע אויפגאבען.

סיר געדענקען נאך אלע די ראבוינען וואס זיינען פארגעקומען און דער ערשטער צייט צווישען דעם ראט אין דער פערוואלטונג בנוגע דער קאמפעטענץ וואס עס געהער צום ראט, און וועלכען ער האט זיך צו מישען און א דעה זאגען, וועגען וואס מען דארף אוהם איינפארמירען וכדומה.

לעצטענ'ס איז די דאזיגע קאמפעטענץ-פראגע, וואס פלעגט פערנעמען גאנצע זיצונגען, ארעב פון טאג-אָרדנונג, פערגליך, מאקי צולעב דעם אומבעגרענצטען, ווייל דער ראט האלט אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע און עס לוינט איהם נישט זיך איינצורייסען מיט דער פערוואלטונג. איך האלט אבער אז די סבה איז נאך א גאנץ אנדערע און זי בעשטעהט אין דעם וואס דער ראט האט צווישען זיך אויפגעקליבען א פינאנץ-בודושעט-קאמיסיע, וועלכע האט איינגענטליך נאך צו ערלעדיגען די פינאנץ און בודושעט פראגען, אזוי ווי עס הערט איהר נאמען, אבער אזוי ווי כמעט אלעס וואס קומט פאר אין קהלה-לעבען איז פערבונדען מיט געלד, מיט הכנסה אדער הוצאה, קומט ממילא אויס, אז די דאזיגע קאמיסיע פון ראט ווייסט אלץ, טמט אלץ, וואס האט נאר א וועלכען ס'איז ענגעהער מיט דער קהלה און אוהר פירטשאפט.

וואלט געקומען אלץ געהען זעהר גוט, ווען נישט דאס וואס לויט מיין מיינונג (אפשר האלטען אלע פרנסים אנדערש) האט די דאזיגע קאמיסיע פון ראט געדארפט פון צייט צו צייט אויך אינפארמירען די אנדערע פרנסים וועגען דעם וואס עס קומט פאר אין דער קהלה און וועגען די פראגען וואס ווערען דארט בעהאנדעלט און ערלעדיגט.

די קאמיסיע-מיטגליעדער זיינען אנגעוועזענד אויף די מעהר וויכטיגסטע זיצונגען און בעראטונגען פון דער פערוואלטונג און זיינען געווי אינפארמירט וועגען אלעם וואס קומט דארט פאר, אין דער צייט, ווען אלע אנדערע פרנסים ווייסען אבסאלוט נישט וואס מען רעדט און וואס מען טהוט.

צו דער פערוואלטונג קען מען נעמים שוין קיין טענה נישט האבען, מען קען אויך נישט זאגען אז זי איגנארירט דעם ראט און פהוט אלעס אויף איינגענער האנד, ווייל זי פערשטענדיגט זיך דאך מיט דער קאמיסיע פון ראט אין וועלכער ס'געפונען זיך דער פרעזעס און די ענטפיהרער פון אלע פראקציעס, אבער פארט איז דער ראט אלס אזעלכער, ווי געזאגט, פרעמד צו אלעם וואס קומט פאר אין דער קהלה, און די פרנסים הערען וועגען דעם צוגלייך מיט אלע אנדערע היגע יודען, וואס זיינען נישט געוועהלט געווארען אלס פרנסים. א גליק נאך וואס די פרנסים קענען שטאל פאסען א שמועס מיט חונטשען, און פון אוהם עפיס געוואויר ווערען.

עס איז איבריג צו דערמאנען אז ס'זיינען שוין געווען פיעל ווכען וועגען וועלכע מען האט געדארפט דעם ראט צו בערוכטען, ווי למשל ענדערונגען וועגען בודושעט, און עטאט, וואס די קאמיסיע האט נעהאט אקצעפטירט אויף איינגענער האנד, און ערשט שפעטער, כלאחר יד, וועגען דעם מיטגעטיילט דעם פלענום, אדער די נייע ארדנונג וועגען שחט - הויז, מיט'ן אבשאפען דעם קאנטראלער, וועגען וואס די פרנסים האבען זיך ערשט דערוויסט פיעל שפעטער, און נעמים זיינען פערהאנגען נאך זאפען (מן הסתם בלויז גומע) וועגען וועלכע דער ראט וועט גאר היינט אויך נישט, און ווען א היגער יוד קומט צו א פרנס און פרעגט איהם וועגען א וועלכען ס'איז ענין בנוגע דער קהלה ווייסט ער איהם נישט צו ענטפערן.

איך קען מיך נישט דערמאנען אויב אין דעם רעגולאמין פון ראט איז דאס פערגעזעהען, אדער ווען אפילו נישט, האבען די קאמיסיע מיטגלידער איבערהויפט דער פרעזעס און דער פערזיצענדער פון דער קאמיסיע, געדארפט זיין אויף אזויפיעל טאלעראנט, אז זיי זאלען פון צייט צו צייט צונויפרופען דעם פלענום פון ראט און אוהם אבגעבען א שטיקעל בערוכט פון די אלע זיצונגען וואס זיי האבען אבגעהאלטען מיט דער פערוואלטונג און די פראגען וואס זיינען בערוהרט געווארען, און אפשר וועט זיך נאך צווישען די געוויסענהאפטע פרנסים, די פיפטע וועלכער, אויך געפונען איינער וואס וועט קענען זאגען א ווארט וועגען א וועלכע ס'איז פראגע.

אוועלכע אינפארמאציע אדער בעריכט זיצונגען דארפען נישט זיין קיין עפענטליכע, ווייל נישט אלעס מען ארויסגעפערגען הערען פאר דער עפענטליכקייט, אבער די פרנסים וועלען דאן וויסען דעם וויכטיגסטען זיין אינפארמירט.

איך מיין אז אזוי דארף דאס זיין, אין אזוי איז מחויב דער שכל הישר, און די פשוט'ע לאגיק, אבער געווים פערשטעהט דאך די קאמיסיע אנדערש און זיי געפונען דאס נישט פאר נויטיג.

א פרנס.

רייזע=פלאן

פון די פאסאזשיר-צוגען וואס קומען אן און געהען אב פון משענסטאכאוו

גילטיג פון 15 מאי 1929

קומען אן:

פון ווארשא: 0,54x; 2,47x; 3,51; 5,00; 7,35; 13,31; 16,40; 18,52x; 19,11x; 23,35x.

פון לאדז: 1,43.

פון סקערניעוויץ: 20,45.

פון קאטאוויץ: 0,34; 3,04x; 7,30; 10,05; 10,56x; 14,02; 16,30; 19,55; 22,02.

פון קראקא: 3,19x; 4,03; 5,20x; 11,37; 17,07x; 22,37.

פון הערבי און פויזען: **0.17**; **3.45**; **7.41**; **9.04**; 13,24; **16.20**; 22,18.

פון קעלץ: 7,42; 10,52; 18,26.

געהען אב:

קיין ווארשא: 0,43; 3,10x; 3,25x; 5,26x; 11,02x; 11,47; 14,10; 17,13x; 18,35; 22,45.

קיין לאדז: 4,09.

קיין סקערניעוויץ: 5,40.

קיין קאטאוויץ: 5,08; 8,10; 11,15; 15,15; 16,48; 17,50; 18,58x; 21,15; 23,41x.

קיין קראקא: 1,00x; 1,51; 2,53x; 3,58; 13,40; 19,16x.

קיין הערבי און פויזען: **1.10**; **6.05**; 8,40; **14.18**; 17,30; **21.10**; **22.46**.

קיין קעלץ: 4,15; 9,20; 14,26.

בעמערקונג: x בעצייכענט שנעל-צוג.

די פעטע ציפערען בעצייכענען די צוגען וואס האבען אנשלוס מיט פויזען.

פון דער וואך.

— דער בעוואוסטער בעריכט פון אמעריקאנער פינאנציעלען ראטגעבער א' רעטעי האט נעהאט א גרויסע ווידערקלאנג אין די פינאנס עלע קרייזען. און לויט די פרעסע ידיעות וועל אין דער ווירטשאפטליכער און עקאנאמישער לאגע אין לאנד פארקומען בעדייטענדע ענדערונגען, אזוי וועל דער מלוכה-בודושעט בעדייטענד פערקלענערט ווערען, און צוזאמען מיט דעם וועלען אויך פיעל פערקלענערט ווערען די שטייערן און לאנר.

— ווי בעוואוסט איז אין פאל פון א באנקראט אדער ווען מען מאכט איינעם א ליקווידאציע האט דער מלוכה אוצר שטענדיג פארצוג, און איהם קומט אבצונעמען זיינע חובות פון דער וועלכער פירמא פריהער איידער מען גיט אנדערע בעלי חובות, איצט האט דאס וועלכע געריכט ערקלערט אז דער מלוכה אוצר איז פריהער פאר אנדערע נאר בנוגע די שטייערן גופא. רעגענען שטראף - געלדער פאר נישט בעצאהלען די שטייערן און טערמין קען די מלוכה אננעמען נאר צוגלייך מיט אלע פריוואטע בעלי חובות.

— עס ווערט אויסגעארבעט א פערארדנונג וועגען אפטייקען לויט וועלכער צו עפענען א אפטייק וועט מען נישט דארפען ווי ביז איצט קיין ספעציעלע קאנצעסיע, נאר יעדער פארמאצעט וועלכער האט געענדיגט אוניווערזיטעט, און בעווייזט א דיפלאם האט דאס רעכט צו עפענען א אפטייק, די נייע פערארדנונג וועט בעזייטיגען די ביז איצטיגע סיטואציע אז די אפטייקער האבען זיך געפיהלט ווי מאָנאפאליסטען און געקענט נעמען „אפטייק-פרייזען".

— די פרעסע גיט איבער א סענסאציאנעלען פראיעקט וועגען דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל, וועלכען די פעלקער - בונד ליגע אין ארגענטינא האט צוגעשיקט צום פערזאנד פון די פעלקער-בונד לונעס, לויט דעם פראיעקט פלאן זאל דער פעלקער - בונד מיטהעלפען צום אויפבוי פון א"י און שאפען דארט א פאקטישע נאציאנאלע היים פאר'ן גאנצען יודישען פאלק, צו דעם צוועק זאל דאס יודישע פאלק בעקומען א הלואה פון 200 מיליאן פונט שטערלינג, און עס זאל איינגעפיהרט ווערען א צוואנגס בעשטייערונג אויף אלע יודען פון דער וועלט.

— צו די ענגלישע פארלאמענטס-וואהלען וועלכע וועלען פארקומען ענדע דעם היינטיגען חודש, איז ארויסגעשטעלט געווארען א גרויסע צאהל יודישע קאנדידאטען פון אלע פארטייען ליסטעס, צווישען די קאנדידאטען געפונען זיך פיעל בעקאנטע יודישע נאציאנאליסטען און כלל טוער.

— דער פוילישער טאבאק מאנאָפאל זאל אין קורצען ארויסשיקען קיין ארץ-ישראל א טראנספארט פוילישע פאפירעסען, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען אז די פוילישע טאבאק אויסארבעטונגען קענען גאנץ דרייסט קאנקורירען סיי אין קוואליטעט און סיי אין פרייז מיט די אויסארבעטונגען וואס קומען פון טערקיי, איבערהויפט האנדעלט זיך וועגען פאפירעסען מיט מונדשטוקען וועלכע האבען א גרויסען ערפאלג ביי דעם עולם פון פוילען.

— צווישען דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען האט ארויסגערופען א שרעקליכע אויפרעגונג דער אונערהערטער פאקט וואס איז פארגעקומען אונ'ם שטעדטיל אישטשאקא נעבען טאמבאר וואו יודישע קאמוניסטען האבען זיך איינגעגריפען אין א בית המדרש ביי נאכט ווען די בחורים זיינען געזעסען און געלערנט, די קאמוניסטען האבען געשלאגען ביז בלוט די ישיבה-בחורים, ארויסגעשלעפט די ספרי-תורות און זיי צוריסען און פערברענט אויפ'ן שטעטער-הויפען, זינגענדיג דאבאי דעם „אינטערנאציאנאל", זיי האבען אלץ צוהאקט און דעמאלירט די גאנצע איינריכטונג און געמאכט א פולשטענדיגען פאגראם איבער דער שוהל.

— אין סאָוויעט - רוסלאנד פערשפרייט זיך אלס מעהר דער אנטיסעמיטיזם, אין פיעל פאבריקען זיינען יודישע ארבייטער בעזייטיגט געווארען, און די קריסטליכע ארבייטער פאדערן און ווייטער פראקלאמאציעס וועלכע נישט קיין „זשידאָווסקי מאָרדע" און נישט קיין קאמוניסטען.

— אין תל-אביב איז פארגעקומען די פייערליכע שליסונג פון דער גרויסער ארץ-ישראל אויסשטעלונג וועלכע איז אדורך מיט גרויס ערפאלג, און געהאט 200 טויזענד בעזוכער.

הפנה העברית שע"י אגודת הציונים בצ'נסטוחוב.

בשבת ח' אייר, בשעה 5 אחה"צ תתקיים באולם הציונים, רחוב פילסודסקי 13,

אספת „הפנה העברית".

סדר היום: הרצאת הפרופסור ד. י. ינובסקי

על הנושא: „חובתנו לעברית בשעה זו".

כל חובבי שפת עבר מתבקשים לבוא.

הכניסה חפשית.

Sklep z pokojem

z dwiema widnemi suterynami zdatne na mieszkanie lub fabrykę, razem lub osobno

od zaraz do wynajęcia

Wiadomość u gospodarza przy ul. Piłsudskiego 13

צו פטרדינגען

א לאקאל גינסטיג אויף א סקלאד אדער אויף א פאבריקס-לאקאל. ערקונדיגען זיך ביי ה. לעווקאוויטש, ווארשאווער 9.

(10 די טרייע פרוי.

שפאנענדע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין דער צייט פון דער שפאנישער אינקוויזיציע. פריי בעארבייט אין יודיש דורך י. געלזאהן

(פארטזעצונג)

פון דעם טאג אן, פלעגט דער שווארצער אכמעד קומען אין די נאכמיטאג שעה'ן געפרעס ווי ער האט ארורגעמאכט זיינע רעליגיע-לעקציעס, קומען אין גארטען צום גערטנער העלפען ער האט מיטגעהאלטען ביי זיין ארבייט.

דער גערטנער האט איהם געוויזען און בעקאנט געמאכט מיט דער פלאנצונג און אכמעד האט אוהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, אבער עס איז געווען צו מערקען אז דאס טהוט ער נאר אויבערפלעכליך, און פאקטיש איז ער אונערליך פערנומען מיט גאנץ אנדערע געדאנקען, און טראכט נאר וועגען עפיס אנדערש.

ווען דער גערטנער איז צופעליג אוועק און איהם געלאזט אליין, איז ער שנעל אוועק צום ארט וואו אלמאר ראדריגו איז געזעסען פערשפארט, ער האט זיך אהינגעשטעלט נעגען איבער און מיט אונערליכער נייגעריגקייט געקוקט צום פענסטער פון וועלכען צימער אלמאר האט זיך געפונען.

פיעל מאל פלעגט ער דעם גערטנער ספעציעל אוועקשיקען מיט א אויפטראג ער זאל פאר אוהם עפיס קויפען, און ער האט איהם געגעבען דערפאר א שעהנע סומע פאר'ן וועג, כדי ער זאל האבען די מעגליכקייט צו אבפערווייל דאס ארט וואו אלמאר געפונט זיך, און מעגליך וועט אוהם געלונגען אלמאר'ן צו זעהען ווען ער וועט ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער.

אבער דאס אלעס האט אכמעד געטהון זעהר פארזיכטיג כדי נישט צו ציהען אויף זיך קיין חשד, ווען דער גערטנער איז ביי איהם געווען האט ער זעהר פלייסיג געטהון זיין ארבייט, אויך אין די לעקציעס ביים גלויבענס פאטער האט ער געמאכט גרויסע פארטשריט, און אלע האבען צו איהם געהאט דעם גרעסטען צוטרוי.

אזוי ווי די נעכט זיינען נאך געווען זעהר ווארימע, און דער גערטנער פלעגט שלאפען ביי נאכט אין גארטען, האט אכמעד איהם געבעטען אז ער זאל אויך איהם דערלויבען ביי איהם צו נעכטיגען, און ער פלעגט דארט נעכטיגען יעדען טאג, און שפעטער האט איהם וועגאר דער גערטנער געלאזט אליין נעכטיגען אין גארטען, ווען ער האט געזעהען נעכטיגען אין זיין וואוינונג.

דער גערטנער א זעהר נייגעריגער מענש וועלכער האט וועגען אכמער'ן קיין שום שלעכטס נישט געטראכט האט איהם אלעס פערטרויט, אזוי האט ער איהם אנגעוויזען אויף א געהיימען אונטערערדישען גאנג וואס געפונט זיך אין גארטען וועלכער פיהרט ארויס פון דער פעסטונג אויף דער פריי.

דעם טאג ווען אכמעד איז דאס ערפאהרען איז ער ארומגעגאנגען בשום ווי צומישט פאר גרויס פרייד, אבער ער האט זיך מיט אלע כוחות בעמיהט צו בעהאלטען זיין פרייד און זיין אויפערליגע אויפרעגונג אז קיינער זאל דאס נישט בעמערקען.

5.

אלמאר ראדריגו איז שוין געזעסען 4 וואכען איינגעשפארט אין דעם העכסטען אויבערשטען קליינעם צימער פון דער אינקוויזיציע-תפיסה, און ער איז שוין געווען שרעקליך אויסגעמאָטערט פון די פיין און ליידען, וואס ער איז אין דער קורצער צייט אדורכגעגאנגען.

די אינקוויזיטארען זיינען זיך מיט איהם אומגעגאנגען פיעל לייכטער און רוהיגער ווי מיט אנדערע בעשולדיגטע, אבער פארט האבען זיי איהם געפייניגט מיט זייער אויספארשונג, פערלאנגענדיג פון איהם אז ער זאל זיך מודה זיין אין דעם פערברעכען, אבער אזוי לאנג ווי ער האט געהאלט מעגליך האט ער זיך נישט געוואלט פערראטען, יעדע נאכט פלעגט צו איהם קומען א געלערנטער אינקוויזיטאר, און איהם אבשרעקען מיט די שרעקליכסטע בילדער, אז אויב ער וועט אין גיכען נישט מודה זיין, וועט מען איהם מוזען נעמען אונטער די שרעקליכסטע טארטור-מאשינען, אבער ס'האט קיין זאך נישט געהאלפען, ער איז געבליבען פעסט אז ער איז קיין שום זינד נעגען דער קריסטליכער רעליגיע נישט בעגאנגען.

ער איז געווען אזוי פונאנדערגעבראכען און נידערגעשלאגען, אז ער האט גאר נישט פערזוכט פון דעם עסען וואס מען פלעגט איהם איין מאל אין טאג אריינגעבען דורך א עפנונג אין דער אייזערנער טיער, ער איז פון טאג צו טאג געפאלען פון די כוחות, און געגלויבט אז לאנג וועט ער דאס שוין נישט איבערהאלטען.

און ער האט שוין געהאט ביי זיך בעשלאסען אויפצוזאגען די גאנצע זאך פאר די ריכטער, ווען זיי וועלען ווידער צו איהם קומען, און זאל שוין אמאל צו זיין שרעקליכען לעבען א סוף נעמען, זאל ער וועניגסטענס אומקומען און פערברענט ווערען אויף קדוש השם אזוי ווי אלע אנדערע קדושים און נישט גלאט אויסגעהן ווי א לופט דא אין דעם ענגען צימער.

אזוי האט ער געהאט ביי זיך בעשלאסען און דעם בעשלוס האט ער געוואלט אויספיהרען ביים ערשטען מאל ווען מען וועט צו איהם קומען, אבער אמאל האט זיך געטראפען א זאך וואס האט זיין בעשלוס געענדערט און האט אין איהם דערוועקט א שטראל האפנונג.

ווען ער איז צופעליג אמאל צוגעגאנגען צום קליינעם פענסטער'ל פון זיין צימער, און ארויסגעקוקט אין גארטען אריין, איז ער ערשטוינט געווארען זעהענדיג ווי אין גארטען נעבען דעם גערטנער שטעהט א שווארצער יונגערמאן וועלכער זעהט אויס אזוי ווי זיין טרייער דינער אכמעד.

אלמאר האט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן וואס דאס איז, אבער ער איז געווען זיכער אז דאס מיינט א רעטונג פאר איהם, ער האט גוט געקענט דעם יונגען אכמעד, און געוויסט אז ער איז איהם געווען אויסערגעוועהנליך געטריי, אזוי אז ער האט נישט געצווייפעלט דאס ער איז געקומען אהער כדי איהם צו העלפען.

אבער ווי אזוי קען ער ערפאהרען וואס דא איז? ווי אזוי האט ער די מעגליכקייט זיך דאס צו דערוויסען?

ער איז שוין פון דאן אן נישט אבגעטרעטען פון פענסטער גאנצע טעג און נאכט איז ער געשטאנען און ארויסגעקוקט, מעגליך וועט אכמעד איהם געבען עפעס א צייכען.

איינמאל שפעט בייטאג, ווען אכמעד האט אליין גענעכטיגט אין גארטען האט ער דורך א שטילען צייכען אוהם געוויזען אז ער שטעהט נעגען איבער דעם פענסטער, אלמאר האט איהם אבגעענטפערט מיט א שטילען רוף און ביידע האבען זיך פערשטאנדיגט.

זינט דאמאלס איז אלמאר פיעל רוהיגער געווארען און ער האט געווארט אויף דעם מאמענט, ווען אכמעד וועט איהם ווייטערע צייכען'ס געבען.

(פארטז. קומט).

דער ערשטער „שקל"*)

פון א. ל. ווילענסקי.

אינ'ם יורישען לאגער, אינ'ם מדבר פון, הערשט א גרויסע און אויסערגע-וועהנליכע אויפרעגונג.

ס'איז געוועזן נאך גאנץ פרוה, א גרויסע מאסע יורען האט זיך פער-זאמעלט, מחנות-מחנות זענען זיי ארומ-געגאנגען פון איין געצעלט צום צווי-טען, האבען זיך געזאמעלט גרופען-ווייז, האבען גערעדט און איינגעטענה'ט איינער מיט'ן צווייטען, האבען אנגע-וויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן געצעלט פון משה-רבינו, זיי האבען זיך דער-נעהנטערט און זיך ווידער פונאנדער-געגאנגען.

וואס האט עס געזאלט בעדייטען? — וואס איז דערט איינענטליך גע-שעהן? — איז אפשר אנגעקומען א ידיעה פון מצרים, אז די מצריים זע-נען, נאך דער גרויסער מפלה, מיט אמאל גוט און פרום, ציוויליזירט און מענשליך, אזוי, אז זיי ווענען צו די יורען פולע גלייכבערעכטיגונג? — און אפשר קלערען שוין די יורען ווי אזוי צוריקצוקעהרען זיך קיין מצרים? — טרער, אפשר געפעלען זיי נישט די געזעצען, וועלכע משה האט זיי געב-עבען אנגעקינדיגט? און אפשר האבען זיי זיך איבערגעלעגט און האבען איינ-גאנצען חרטה אויף אלץ און אויף אלעם, וואס זיי האבען זיך אריינגע-לאזען מיט משה'ן און מיט זיין תורה?

נעין, — פון מצרים האבען זיי זיך שוין אינגאנצען אבגעטרייסעלט, אין משך פון די עטליכע חדשים, זינט דאס פאלק איז בעפרייט געווארען, איז עס געווארען רייף געווארען. דאס פאלק האט שוין פערגעסען דעם טעם פון פרייהייט און וואס שוין פאר קיין פאל נישט אומקעהרען זיך צוריק צו דער קנעכטשאפט. די בעסטע שולע פאר פרייהייט איז זעלבסטשטענדיגקייט. זיי האבען אין משך פון די פיער פריי-הייטס-חדשים געלערנט מעהר ווי אין די הונדערטער גלות-יאהרען... ס'זענען אפילו נאך געהן עטליכע, וועלכע האבען נישט געקאנט פערגעסען דעם „פלייש-טאפ", פון וועלכען זיי האבען אין מצרים מכלומרשט גענאסען...

צום רוהם פון אונזער פאלק מוז אבער אונטערגעשטראכען ווערען, אז דאס זענען געוועזן נור עטליכע פארשוינען. דאס גאנצע פאלק, און בעזונדערס די יונגער, האט זיך בעצייכנט מיט עקעל און פעראכטונג צו דעם „גלות-פלייש-טאפ"...

צו דער נייער תורה האבען זיי אפשר נאך געהאט בעשטימטע טענות. מעגליך זענען צווישען די עשרת-הדברות געוועזן מאנכע „לאו'ס", פון וועלכע עמיצער האט זיך געקאנט אויס-דוכטען, אז „עס מאכט איהם ביטער דאס לעבען", אבער סוף-כל-סוף, זע-נען זיי צופרידען געוועזן.

— אלזא, וואס איז פארט געשעהן אינ'ם יורישען לאגער? — פארוואס און צוליעב וואס האט עס די מחנה א טומעל געטהון?

— ס'איז געשעהן א נייעס, וואס האט אלעמען אויפגערודערט, אנ'אונ-ערהערטע זאך: צום ערשטען מאל זינט ס'איז ארויס פון מצרים, צום ערשטען מאל זינט ס'איז געווארען א רעדע וועגען דעם נייעם פאטערלאנד, וועגען ארץ-ישראל, האט מען די יו-רען געלאזט הערען, אז די גאולה, די אויסלייזונג דארף אויך עפיס קאסטען... ס'האט אנגעהויבען צו שטויסען, אז מ'קאן זיך נישט כסדר פערלאזען אויף נסים, מ'קאן דאך נישט אייביג האלטען אויף מתנות און נדבות, און אז מ'מוז האבען, אויף אנצופיהרען מיט דער גאולה, פונ'ם פאלק, כדי צו דערגרייכען דעם בעשטימטען ציעל, א שטענ-דיגע בעשטייערונג פון יעדען מיטגליד פונ'ם פאלק... פון יעדען איינעם, אהן אויסנאהם...

צוליעב דעם האט עס משה-רבינו ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז יעדער ווער עס רעכענט זיך אלס א מיט-גליעד פון יורישען פאלק מוז צאהלען דעם מחצית-השקל", וואס ווערט בע-טראכט אלס דער פאלקס - שטייער. „דער רייכער צאהלט נישט מעהר און דער ארימער נישט ווייניגער" — אלע זענען גלייך, ארים און רייך.

עט דאס איז געוועזן דאס גרויסע נייעס וואס עס האט ארויסגערופען אזא טומעל צווישען די געצעלטען פון דער יורישער מחנה. די פערמעגליכע, די רייכע, זענען פערשעהמט און האלטען זיך פונדערווייטענס; זיי פיהלען זיך בעליידיגט... צוליעב דעם וואס משה רבינו האט זיי געשטעלט אויף איין שטופע מיט דער גאנצער מאסע פון פאלק; „א שקל — אויך מיר א מטבע" — מיינען זיי — „ס'שטייט געוויס וואס משה וויל שוין קענען אויפטהון מיט'ן „מחצית-השקל"... — הילכיג קלינגט אינ'ם מדבר - לאגער דער רוף: „צאהלט דעם שקל" — „קעמפט פאר אייער פרייהייט", „העלפט זיך אליין צו אייער גאולה" — „קויפט אויס דעם שקל" — דתן און אבירם מיט זייער „חברה" לויפען אויך ארום, פוסלען, שרייען: „זאלען די רייכע צאהלען" — „מיר זענען ארימע פראָ-לעטאריער, וואס וועלען מיר האבען פון ארץ-ישראל" — „אונז וואלט דאך בעסער געוועזן אין מצרים, צו וואס טויג אונז מקרב צו זיין זיך צוליעב א לאנד פאר'ן יורישען פאלק?!"

און הילכיג קלינגט היינטער אינ'ם מדבר-לאגער דער רוף: „צאהלט דעם שקל!" — „קעמפט פאר אייער פריי-הייט", „העלפט זיך אליין צו אייער גאולה" — „קויפט אויס דעם שקל!"

און דעם פאלק, די גרויסע מאסע פונ'ם פאלק, וועלכע האט זיך שוין לאנג בעפרייט פון די גלות-עקסטרע-מיסטען און וואס געשטרעבט און גע-בענקט נאך אנ'איינען פאטערלאנד האט — ווי עס דערצעהלט אונז די געשיכטע — אהן אויסנאהם געצאהלט דעם שקל...

*) מיר דרוקען דא דעם ארטיקעל, וועל-כען דער מחבר האט אונז צוגעשיקט, אין צוזאמענהאנג מיט דער שקל - אקציע, וואס ווערט איצט געפיהרט צום 10-טען ציוניסטישען קאנגרעס. די רעדאקציע.

די בעדייטונג פון דער אלגעמיינער לאנדעס-אויסשטעלונג אין פויזען

פון ד"ר סט. וואכאוויאק, פרעזעס פון אויסשטעלונגס-קאמיטעט.

עס איז שוין אנגעשריבען געווארען א גאנצע ליטעראטור וועגען דער ווירט-שאפטליכער און קולטורעלער בעדיי-טונג פון די גרויסע אויסשטעלונגען וואס זענען איינגעארדענט געווארען אין אויסלאנד. די השפעה פון די דע-זיגע אויסשטעלונגען אויף דער ענט-וויקלונג פון די בעזונדערע מלוכות איז א געוואלדיגע. עס איז גענוג אנצוווי-זען אלס טיפישען ביישפיל אויף פראנ-קרייך, וועלכע — מ'קאן דאס זאגען אהן איבערטרייבונג — האט א דאנק די וואונדערבארע אויסשטעלונג פער-וואנדעלט פאריז אין דער מעטראָ-פאליע פון דער גאנצער וועלט.

אין דעם ווידער-ערוואכטען פוילען איז די אלגעמיינע לאנדעס-אויסשטע-לונג די ערשטע רעקארד-אונטערנעה-מונג אין צוויי ריכטונגען: ראשית דער-פאר, וואס די אויסשטעלונג איז אויס-געבויט געווארען אין א איבעררעשענד קורצער צייט, נישט קיין גאנצע צוויי יאהר. צווייטענס דערפאר, וואס די אויסשטעלונג איז ענטשטאנען מיט נישטיגע מיטלען אין פערגלייך צו איהר פערנעהם. אז די אויסשטעלונג ענטשפרעכט באמת אונזערע לעבעדי-גע ווירטשאפטליכע און קולטורעלע בעדערפנישען, האט געגעבען דערויף אנ'ענטפער גאנץ פוילען, נעמענדיג אנ'אקטיווען אנטהייל אין דער אויס-שטעלונג און נישט קארגענדיג דערויף קיין בעדייטענדע קרבנות.

די אלגעמיינע לאנדעס-אויסשטעלונג איז בכן ענטשטאנען אויפ'ן יסוד פון דער אלגעמיינער נאציאנאלער פער-שטענדניש פאר דער זאך. אין די לעצטע צעהן יאהר זענען געווען אזעל-כע זעלטענע פאלען, ווען עס זאל הער-שען אזא אימפאָנירענדער הסכם פון אלע געגענדען פון פוילען.

אונזער נאציאנאלער כאראקטער איז געניגט צו אויפברויזען, אויפבריוזען, וועלכע פערשווינדען גאנץ גיך. מיר זענען ווייניגער געוואוינט צו א קאָאָר-דינירטער ארבייט. די אלגעמיינע לאנ-דעס-אויסשטעלונג איז ווי אנ'שפיגל, אז עפיס הויבט זיך אן צו בעסערען אין דער הינזיכט. דער איינהייטליכער פראָנט פון דער גאנצער בעפעלקערונג האט מערקווירדיג פיעל מיטגעהאלפען די איניציאטארען און ארגאניזאטארען פון דער אויסשטעלונג צו פערווירקליכען דאס דעזיגע גרעסטע קאנסטרוקטיווע ווערק, וואס איז געמאכט געווארען אין די לעצטע צעהן יאהר אין בעפרייטען פוילען. דאס ווערק איז נאך גרעסער דערפאר, וואס עס איז געמאכט געווארען אין צייט פון א ווירט-שאפטליכער דעפרעסיע, וועלכע איז דערגאנגען צום העכסטען גראד דאן, ווען מיר האבען פערענדיגט אונזער שווערע ארבייט.

דער סוד פון דעזיגען ערפאלג איז דאס, וואס מיר האבען בעוויזען אונ-טערצוהאלטען די גוטע שטימונג, וואס האט זיך געשאפען בעלד אין אנהויב, ווען מיר זענען צוגעטרעטען צו שאַ-פען אונזער גרויס ווערק.

נישט דא איז דאס ארט און די צייט ארומצורעדען די אויסגעצייכנטע ארגאניזאציע פון דער אויסשטעלונג. זאל מיר אבער זיין ערלויבט אנצוווי-זען אויף די פאלגען, וועלכע די אויס-שטעלונג וועט איבערלאזען אויף שטענ-דיג אין אונזער נאציאנאלער ווירטשאפט.

דער ווירטשאפטליכער ציל פון דער אויסשטעלונג איז געווען צו הויבען די אינערליכע קאנסומציע און דעם עקספארט, פערבעסערן די ארבייטס-מעטאדען און די אויסלענדישע פראָ-פאגאנדע.

די רייכע פראנצויזישע און דייטשע ליטעראטורען שטעלען צו א רייהע בעלעהרענדע בעווייזען, אז אויסשטע-לונגען האבען געהאט א רעצודירענדע ווירקונג אויפ'ן אינערליכען פערברויך. וואס דאס בעדייט, וועלען מיר לייכט פערשטעהן, ווען מיר וועלען נעמען אין אכט, אז די קאנסומציע איז אין פערשידענע טיילען פון דער רעפובליק האט נישט קיין גלייכע. עס וועט געניגען צו פערגלייכען די קאנסומציע פון אויבערשלעזיען צו די מזרח-קרעסען. א דאנק דער אויסשטעלונג וועלען קו-מען הונדערטער טויזענדער פוילישע בירגער פון די טיילען פון לאנד, וואו די אינדוסטריע-קאנסומציע איז א ניש-טיגע. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז די אויסשטעלונג וועט דיענען אלס געזונדער פאקטאר אין דער הינ-זיכט. בעזונדערס נאך, ווען די רעגי-רונגס-קרייזען און די זעלבסטפערוואל-טונגען, אבשאצענדיג די בעדייטונג פון דער אויסשטעלונג, וועלען מאכען אלע בעמיהונגען צו ארגאניזירען אויספלו-גען פון אלע דעצידירענדע קרייזען.

קודם-כל אין דער זעלבסטפערוואלטונגס-ווירטשאפט, וואס שייך דעם עקס-פארט האט נאך ביז - איצט אויסלאנד נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו בע-קענען זיך מיט אונזערע פראָדוקציאנס-מעגליכקייטען, ווי אויף דער איצטיגער אויסשטעלונג. אין פויזען איז איצט רעפרעזענטירט די גאנצע פוילישע אינדוסטריע, האנדעל און לאנד-ווירטשאפט.

די אויסשטעלונג וועט אויך נישט ווייניג מיטהעלפען צו פערבעסערן די ארבייטס-מעטאדען. איך וועל ענטהאלטען בלויז אויף דער לאנדווירטשאפט. א פויער אויף די פראבען וועט זיך קא-נען אליין איבערצייגען וועגען דער גו-טער ווירקונג פון קינסטליכע דונגער. ער וועט אנקוקען לאנדווירטשאפטליכע מא-שינען, וועלכע ער האט קיינמאל אין זיין לעבען נישט געזעהן. וואס שייך דער אינדוסטריע האט מען שוין ביים ארגאניזירען די אויסשטעלונג בעמערקט א געוויסע קאנצענטראציאנס-בעוועגונג. מ'האט געשאפען גאנצע פעראיינען, מען האט געלעגענהייט זיך בעקענען מיט די דערגרייכונגען. דאס נאטירליך וועט הויי-קען דערויף אז די אלטע גרעניצען, וואס האבען געהעמט די ענטוויק-לונג פון דער אינדוסטריע און מסחר זאלען בעזייטיגט ווערען.

וואס דארף מען נאך רעדען וועגען פראָפאגאנדע, קיין שום געביעט איז דאך אין פוילען נישט אזוי פערנאכלע-סיגט געווארען ווי די פראָפאגאנדע. אויסלאנד האט אונז נישט געקענט און איבערהויפט האט זי נישט געהאט צו אונז קיין צוטרוי. דעריבער טאקע איז אזוי שווער געווען צו בעקומען אויס-לענדישע הלוואות, וועלכע שטיצען זיך דאך אויסשליסליך אויף . צוטרוי. נאך אפדעם די אויסשטעלונג איז געווארען געעפענט, רעדט מען פון איהר אין גאנץ אייראָפא. עס איז נישט פערהאן קיין איין שפראך, וועלכע ווערט בע-נוצט אין אייראָפא, אין וועלכער מען זאל נישט האבען געשריבען וועגען דער אויסשטעלונג. פון גאנץ אייראָפא און פון אמעריקא גרייטען זיך צו אונז צו קומען א גרויסע צאהל בעזוכער. עס ווערען ארגאניזירט אויספלוגען קיין פוילען אויף א גאר גרויסען פערנעהם אזא פאל פאסירט צום ערשטען מאל זייט פוילען עגזיסטירט.

כ'בין איבערצייגט, אז די ווירט-שאפטליכע קרייזען, וועלכע האבען גע-בראכט אזוי פיעל קרבנות פאר דער אלגעמיינער לאנדעס-אויסשטעלונג, וועלען די גוטע ווירקונג פון אונזער גרוי-סער נאציאנאלער אויסשטעלונג אויף אלע זייערע שאפונגס-געביטען.

וואס געהערט וואס געזעהען

איהר האט מיר מוזען מוחל זיין (א ברירה האט איהר) וואס איך וועל די וואך נישט קענען איבערגעבען מיין „וואס געהערט און געזעהען" אין איהר גאנצען אומפאנג, מחמת דעם וואס איך בין אויסגעפאהרען געווארען אויף עט-ליכע טעג אין ווייטע מקומות, און דעריבער האב איך נישט געהאט די מעגליכקייט צו זעהען די געשעהע-נישען פון טאג, וואס זענען לעצטענס ביי אונז פארגעקומען, דערפאר אבער האב איך געזעהען ווי עס לעבען יו-דען אין אנדערע שטעדט, וואס איך וועל ווידמענען עטליכע שורות.

פון אונזער שטאָדטישען לעבען אבער האב איך בלויז געהערט, און איידער איך וועל איבערגעבען דאס וואס איך האב געזעהען אנדערשוואו וועל איך צוערשט פערצייכענען דאס וואס איך האב נישט געזעהען נאר בלויז געהערט דא ביי אונז.

מען בלאזט.

ערשט יענע וואך איז מיר אויסגע-קומען צו פערצייכענען די אונערווא-רטענדע נייעס וועגען דעם ערשטען יו-רישען ארקעסטער, וואס האט זיך בע-וויזען צום ערשטען מאל אין דער גאס; און עס קומט מיר אויס צו פער-צייכענען וועגען צווייטען יורישען אר-קעסטער אין אונזער שטאדט.

דאס איז געוועזן דעם פערגאנגענעם מאנטאג, ווען עס איז פארגעקומען די ערעפנונג פון דער ציקליסטען סעק-ציע ביים יורישען טורן און ספאָרט-פעראיין נאך נאך דעם אפיציעלען טייל ד"ה נאך די רעדעס און פאטאגראפישע אויפנאהמע האט די ציקליסטען בע-גלייט דער ארקעסטער, וואס איז גע-שאפען געווארען ביי דער געזעלשאפט, און די גאס האט דערהערט דאס בלא-זען פון יורישע יונגע לייט און עס איז געווארען א צוזאמענגעלויף פון אלע הינקעלעך, עס איז ארויס דער מלמד און דער בעדער, דער שניידער און שוסטער, אלטע הייבער און יונגע בחורים'לעך, עס איז געווארען א סו-מאטאָכע, אלע האבען געוואלט זעהען דאס גרויסע וואונדער ווי אזוי אונזערע יאטען בלאזען אויף די גרויסע שופ-רות.

ווי מען שמועסט איז דער כאאס געווען נישט קליין, א אמת'ע יורישע ארדנונג... ווארום ווי די ספארטלייט פערענטפערען זיך איז געוועזן אוממעג-ליך ביי אזא צוזאמענגעלויף צו האל-טען ארדנונג, אבער א פאקט איז און א דערפרייענדע ערשיינונג, אז מיר וועלען קענען איינארדנען פרעהליכע מארשען און ס'וועט זיין הוליע קבצן, מיר יורען וואס לעבען אונטער א מורא'דיגען עקאָנאָמישען קריזיס, וועלען אין טאצען כאטש קלאפען אזוי, אז קיינער זאל נישט דערהערען אונ-זערע קרעכצען.

אויך איז כדאי צו פערצייכענען א פאזיטיווע ערשיינונג, וואס איז פאר-געקומען אויף דער זעלבער פייערונג, א פארשטעהער פון קריסטליכען ספארט-קלוב „וויקטאריא" האט ערקלערט, אז זיי האבען זיך אבגעזאגט פון זייער ביז איצטיגע פאליטיק איינצולאדענען בלויז קריסטליכע ציקליסטען מיט וועלכע זיי זאלען פיהרען זייער וועט-געלויפען, און וועלען פון היינט אן ארבייטען מיט די יורען צוזאמען, ווייל זיי זעהען אז די יורען פערשטעהען זייער אויפגאבע.

נו, מילא, דאס איז א זאך, וואס טראגט אריין התקרבות צווישען די אנטאגאניזמען, אבער פאר מיר איז וויכטיגער דער פאקט גופא, וואס דער ארקעסטער איז ענדליך ארויס און גאס זיך לאזען אויך הערען זייער יורישע שטים.

בראוואָ יורישער טורן און ספארט-פעראיין, אויך האט עס גוט געמאכט, מיך פערדריסט נאר וואס איך האב ליידער נישט געהאט די מעגליכקייט צו זעהען מיט מיינע אויגען אייער ערשטען אויפטריט, אבער דאך פרעה איך מיך הארציג מיט אייער דער-גרייכונג.

נישט בעשערט געווען.

די יורישע טעאטער - בעזוכער פון אונזער שטאדט האבען לאנג געווארט צו זעהען די ווארשאווער ווילנער טרו-פע שפיעלען דאס גרויסע מייסטערווערק פון שלום אש—קדוש השם. איינצעלנע וועלכע האבען געהאט די זכיה צו זע-הען עס אין ווארשא, האבען זיך אנ-דערצעהלט חידושים, דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואס די ידיעה, אז די ווילנער וועלען אויפפיהרען „קי-דוש השם" אין אונזער שטאדט, האט ארויסגערופען א איבערראשונג.

הפנים אבער אז עס איז נישט בע-שערט געווען עס צו זעהען אין איהר גלאנץ-אויפפיהרונג. עפעס איז פארגע-קומען א מכשול. קודם-כל האבען זיי פערשפעטיגט מיט א טאג. אנשטאט פרייטאג האבען זיי געשפילט שבת און די פערשטעלונג האט זיך לאנגער נישט איינגעגעבען מחמת דעם, וואס די דע-קאראציעס וואס זיי האבען מיטגע-בראכט, האבען זיי נישט געקענט אויפשטעלען און דאס האט געשטערט דעם איינדרוק וואס האט געדארפט ארויסקומען.

געגאנגען צו זעהן די אמת'ע ווא-רשאווער ווילנער, געגאנגען צו זעהן דאס אמת'ע טעאטער־שטיק „קדוש השם", נאר עס איז הפנים נישט געווען בעשערט.

צו דער ריכטיגער צייט.

איהר געדענקט מסתמא דעם הי-יאהריגען קאלטען ווינטער, וואס דער בית לחם צוזאמען מיט'ן דעבראָ-טשינסקישטע געפיהרט א קויהלען-אק-ציע פאר די בכבודיגע ארימע לייט און לויט די כוחות אונטערשטיצט די געפרוירענע מיט קויהלען.

דערצעהלט מען אבער פאלגענדען קוריעז, וואס איז זעהר כאראקטעריס-טיש ווי אזוי עס ווערט געפיהרט די אקציע.

צום פרעזעס פון בית לחם ה' פריינד איז אין חודש יאנואר ד. י. אנגעקו-מען א בריעף אין חיות ווי דער ה' ב. איז גראד דאמאלס געווען קראנק האט די פאמיליע דעם בריעף נישט גע-עפענט און איהם איבערגעלעגט אין א שופלאד, אזוי איז זיך דער בריעף גע-לעגען ביז ערב פסח, ווען מען האט בודק חמץ געווען, ווען מען האט גע-עפענט די קאָמאָדע האט מען געפונען, אז אנ'אומבעקאנטער האט געשיקט 25 זלאָטעס פאר דער קויהלען - אקציע. איצט שטעהט דער פרעזעס מיט דער פערוואלטונג און ווייסען נישט וואס צו טהון מיט דעם געלד, זאלען זיי עס איבערלאזען אויפ'ן צווייטען יאהר, הא-בען זיי מורא, אז להכעיס וועט זיין א וואַרעמער ווינטער, זאלען זיי עס פער-נוצען אויף עפעס אנדערש שטעהט דאך בפירוש אז דאס געלד איז בע-שטימט אויף קויהלען, חכמ'ען זיי נישט ווי אזוי די הארבע פראגע צו לעזען.

אבער ווי עס זאל נישט זיין, איז דאס געלד אויף דער קויהלען-אקציע וואס דער בית לחם צוזאמען מיט'ן דעבראָטשינסקישטע האבען געפיהרט הי - יאהר אין דעם קאלטען ווינטער פאר די בכבודיגע ארימעלייט, אנגעקו-מען צו דער ריכטיגער צייט...

לויתן.

אין מלך אביונ'ס גיטער.

רייזע איינדריקען.

פאר אונז משענסטאכאווער, איבערהויפט פאר די יעניגע, וועלכע עס קומט נישט אויס ארומצופאהרען אין יענע מקומות, וועט זיין אינטערעסאנט זיך צו באקענען מיט'ן לעבען פון אונזערע יודעלעך אין דער געגענד וואס ווערט אנגערופען מלך אביונ'ס גיטער, דאס איז די אומגעגנד קעלץ-ראדאם.

מיר איז אויסגעקומען לעצטענס צו זיין אין ראדאם, און איך מוז זאגען אז נישט וועגענדיג ברעה אויסצונוצען מיין צופעליגען בעזוך אלס מאטעריאל פאר א צייטונגס-ארטיקעל, האט זיך די פעדער פשוט געבעטען ביי מיר, נעם שרייב אויף וואס די האסט געזעהען, זאל עס פערציכענט ווערען, טראכטענדיג אז אפשר וועלען די דאזיגע שורות אנקומען צו די יעניגע, וועלכע איך וועל דא בעריהרען.

ראדאם מאכט אויסערליך א גיטען איינדרוק, די גאסען זענען גענוג בעלעבט, די הויפט גאס, די לובלינער, מאכט א גרויסשטעדטישען איינדרוק, אויך ווארפט זיך אין די אויגען די אונצאהליגע קירכעס וואס מען בעגעגנעט אויף שריט און טריט, די עטליכע גרויסארטיגע רעסטאראנען און צוקערניעס זענען איבערפולט, עס פיהלט זיך אבער א געוואלדיגע פראווינציאלקייט.

א גרויסע נמסמינע טריטקייט פיהלט זיך אבער אין דער יודישער געזעלשאפט.

די יודישע בעפעלקערונג צעהלט ביז דרייסיג טויזענד נפשות, קיין שום קולטורעלע געזעלשאפטען זענען נישט פערהאנען, ראדאם איז די שטאדט פון לעדער בראנזשע, און נאכ'ן לעצטען קריזיס איז דער עולם המסחר איינגעצען אבגעשטארבען און במילא איז אויך אויפ'ן קולטורעלען געביעט אלס טויט, כמעט מען קאן נישט זאגען אז שנים לתיקנים האבען זיך ראדאמער יודען יא אבגעגעבען מיט אזעלכע נאַרישקייטען ווי יודישע קולטור.

ראדאמער יודען, איבערהויפט די אינטעליגענץ, איז שטאלץ מיט איהר ענטן יודישען פרצוף, מיט איהר אסימילאטארישען פנים.

קיין יודישע פערלעזונגען ווערען פון די אינטעליגענץ נישט בעזוכט, דאס זעלבע איז מיט'ן יודישען טעאטער, מעגען קומען די בעסטע ארטיסטען, געהען נאר דאס ביסעל מיטעל קלאס, אויסער אז עס קומען כאלטורניקעס קומען די גאלערניקעס, וועלכע זענען להוט נאך א גראבען וויץ.

איך מאך אויפמערקזאם, אז שרייבענדיג די דאזיגע ווערטער שטעל איך עס נישט בלויז אויף מיין בעאבאכטונג נאר אזוי האבען מיר עס אויך בעשטעטיגט די איינצעלנע יחידים פון ראדאם, וועלכע בעמיהען זיך איבערצופנדערשען דעם שטייגער לעבען פון דער אבגעשטאנענער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם.

דאס זעלבע איז אויך אין בעצוג צו דער יודישער פרעסע.

אין ראדאם ערשיינט א וועכענטליכע צייטונג א. נ. „ראדאמער קעלצער לעבען", דער רעדאקטאר א זעהר אינטעליגענטער מענש, וועלכער קעמפט געהיסענהאפט פאר א יודישע פאלקסשולע, פאר שאפען א קולטורעל ווינקעל אין ראדאם, וואס קומט אבער דערפון ארויס, אז ער איז איינער אויפ'ן פלאץ, ער האט נישט קיין אונטערשטיצונג פון קיינעם, קיינער אינטערעסירט זיך נישט, עס געהט קיינעם גאר נישט אן, ווען עס קומען פאר וואהלען איז די געוועהנליך זאגען די קאנדידאטען צו אלדאס גוטס, אז זיי וועלען קעמפען פאר א סובסידיום פאר יודישע אינסטיטוציעס, שפעטער אבער פערגעסען זיי וועגען דעם אלעם. די צייטונג רעאגירט טאקי דארויף אבער עס העלפט נישט.

בעת דעם בעהאוסטען קעסטענגעריג קאמף איז מען וואגאר אנגעפאלען אויף די רעדאקציע מיט שטעקענס און געוואלט בעהייזען מיט פאטשען אין די הענד. אז די צייטונג איז נישט גערעכט.

ראדאם צייכענט זיך אויך אויס מיט א שטארקען אנטיסעמיטיזם.

אזא אפענער בולט'ער אנטיסעמיטיזם ווי עס איז אין ראדאם איז נישט צו בעמערקען אין קיין שום שטאדט אין פוילען, דארט בעהאלט מען זיך נישט דערמיט וואס מען האט פיינד א יודען דארט וועט עס פיהלען אויף שריט און טריט.

און נישט בלויז אין גאס, נאר אפילו ווען די קימסט ארויין צו א נישט יוד וועט ער דיר געבען אנצוהערען אז ער מחוה דיר א טובה, אז ער פערקויפט דיר עפ'ס, וואס דארפט איהר מעהר, אפילו די דראזשקארזשעס שטעהען די יודישע בעזונדער און די קריסטליכע בעזונדער.

אין אלגעמיין קען ראדאם גערעכענט ווערען אלס א שטאדט וואס איז הויל פון קולטור, עס הערשט נישט קיין פריינדליכע בעציהונג פון מענש צו מענש, קיין אינטערעס צו קולטור בכלל און צו יודישע קולטור בפרט, און איך מוז זאגען אז דער וויץ וואס געהט וועגען ראדאם, אז הייסט רע-דם שטימט מיט דער ווירקליכקייט.

פארוואס ?

איהר פרעגט פארוואס איך האב געשריבען וועגען ראדאם און וואס קאן דאס אייך אינטערעסירען? ווייל איך זיך מתודה זיין, אז איך איך האב עס געטהון דעריבער, ווייל איך פיהל זיך שולדיג געגען אייך משענסטאכאווער ווען איך מוסר אייך וועגן אייערע אסימילאטארישע טענדענצען, האב איך זיך איבערצייגט, אז איהר זענט נאך געגען די ראדאמער שטענדרויקעס, אז איהר זענט אידעל און קולטורעלער, אז איהר זענט טויזענד מאל פיינער פון יענער חבירה וואס האבען דאס גליק צו אטעמען די לופט פון מלך אביונ'ס גיטער וואס הייסט ראדאם.

ש. פ.

עקסמיסיע פאר אפען האלטען אום שבת א געוועלב.

אין „לובלינער טאגעבלאט" לעזען מיר:

אויף זשמוסקע 33 האט א געוויסער ה' שטיינפעלד געדונגען א געוועלב אויף א צוקערניע ביים הויז-אייגענטימער ה' הערשענהארן. אינ'ם קאנטראקט צווישען בעל-הבית מיט'ן לאקאטאר איז געווען אריינגעשטעלט א פונקט, לויט וועלכען דער לאקאטאר האט זיך פערפליכטעט צו האלטען אום שבת פערמאכט די צוקערניע. א צייט לאנג האט דער לאקאטאר זיך צוגעפאסט צו דעם קאנטראקט, שפעטער אבער האט ער אנגעהויבען אפען האלטען בלויז אין די פרייטאג-צו-נאכטס'ן און נאך שפעטער—אויך עטליכע שעה שבת בייטאג.

דער ווירט האט דעריבער אנגעקלאגט דעם לאקאטאר אין געריכט און בערופענדיג זיך אויפ'ן קאנטראקט—פערלאנגט עקסמיסיע. דער פערטיידיגער פון ווירט האט זיך אין פרידענס-געריכט בערופען אויפ'ן קאנטראקט. דער פערטיידיגער פון לאקאטאר האט אנגעוויזען, אז אזא פונקט אין א קאנטראקט איז אין סתירה צו די פערהאנענע געזעצען. מען קען נישט בעגרעניצען א בירגער אין זיינע רעכט, צו בעניצען זיין פריוואט - אייגענטום, ווי דאס איז א געוועלב, לויט זיין איינזעהען. דער פונקט איז אויך אין סתירה צום געזעץ וועגען לאקאטארען - שוץ. האט דעריבער דער לאקאטאר געהאט רעכט דעם פונקט נישט אויסצופיהרען.

דער פרידענס-געריכט האט ארויסגעטראגען אן'אורטייל, לויט וועלכען עס איז אבגעווארפען געווארען די עקסמיסיע-פאדערונג פון ווירט.

דער לעצטער האט אבער דערלאנגט אן'אפעלאציע אויפ'ן אורטייל אין קרייז-געריכט און הייניגען מיטוואך איז דער פראצעס בעטראכט געווארען אין דער צווייטער אינסטאנץ. ווידער האבען ביידע צדדים געשטעלט אדוואקאטען און ווידער איז פארגעקומען א שטארקע יורידישע און זאכליכע פאלעמיק צווישען די צדדים.

די הויפט-טענה פון הויז-ווירט איז געווען, דאס אויב דער לאקאטאר וועט פון איצט אן האלטען דעם פונקט פון קאנטראקט און וועט האלטען פערמאכט אין שבת וועט ער צוריקציהען זיין אנקלאגע.

דאס קרייז-געריכט האט אנערקענט דעם שטאנדפונקט פון'ם פערטיידיגער פון הויז-אייגענטימער, אז דער קאנטראקט איז אונבעדינגט פערפליכטענד פאר ביידע צדדים און אז דער פונקט וועגען שבת איז נישט אין סתירה צום לאקאטארען-שוץ געזעץ און דעריבער בטל געמאכט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאנץ און צוגעפסקנט דעם ווירט א עקסמיסיע.

דער אורטייל האט ארויסגערופען א סענסאציע און ווערט איצט ברייט קאמענטירט אין די יורידישע קרייזען. א טייל יוריסטען האלטען ווייטער, אז ריכטיג איז דער שטאנדפונקט פון דער ערשטער אינסטאנץ און אנדערע האלטען, אז דוקא דער שטאנדפונקט פון דער צווייטער אינסטאנץ איז דער איינציג-ריכטיגער.

דער ענין איז נאכנישט דעפיניטיוו ערלעדיגט, ווייל דער לאקאטאר האט דערלאנגט א קאסאציע אין דער דריטער אינסטאנץ און ערשט דאן וועט קומען דער לעצטער פסק, אויב אזא קאנטראקט איז פערפליכטענד. דער אויבענדערמאנטער אורטייל איז דער ערשטער אין פוילען, ווען א געריכט פסקנט צו עקסמיסיע צוליעב אפען האלטען א געוועלב אום שבת.

צוקער פאר פערד איז ביליגער ווי פאר מענשען.

דאס ערשטע האלבע יאהר פון דער היי-יעהריגער צוקער - קאמפאניע (פון אקטאבער ביז אפריל) האט אריינגעבראכט א קלענערע הכנסה ווי מען האט ערווארט, מען האט פערברויכט ווייניגער צוקער ווי מען האט גערעכנט. די פוילישע צוקער-פאבריקאנטען האלטען זיך ביז היינט ביי דער מעטאדע פון ארויספיהרען מעהר ווי א העלפט פראדוצירטען צוקער קיין אויסלאנד, פערקויפען דעם צוקער דארט פאר א שפאט ביליגען פרייז. דערפאר איז אין לאנד א מאנגעל אין צוקער און פאר דעם הויכען פרייז וואס מען נעמט אין לאנד דעקען זיך די פאבריקאנטען דעם היזק פון צוקער אין אויסלאנד.

ביי אזא לאגע איז נישט קיין וואונדער, וואס אין פוילען ווערט פערנוצט צוקער 11 קילא יעהרליך אויף יעדען איינוואוינער, בעת אין טשעכיען קומט אויס 28 קילא, אין שווייצאריען—38 קילא, אין ענגלאנד—43 קילא און אין דענעמארק 54 קילא אויף א קאפ.

די צוקער-פאבריקאנטען הערען אבער צוליעב אזא טאקטיק פון יאהר צו יאהר געטריבען אין אלץ א ערגערע לאגע. פאריגעס יאהר זיינען ארויסגעפיהרט צוקער קיין אויסלאנד און גענומען 60 גראשען פאר א קילא, היי-יאהר האבען זיי פאר'ן ארויסגעפיהרטען צוקער גענומען נאר 42 גראשען פאר א קילא! דער דאזיגער פרייז דעקט אפילו נישט די קאסטען פון די בוראקעס. און ווייל דער פרייז פון 42 גראשען פאר א קילא איז ביליגער ווי דער פרייז פון היי איז ביי די ברוטצום ענטשטאנען א פראיעקט צו עקספארטירען קיין אויסלאנד היי, פאר וועלכען מען נעמט א בעסערען פרייז און די פוילישע פערד זאל מען פאשען נישט מיט קיין היי נאר מיט... צוקער.

די ערשטע פרובע איז שוין געמאכט געווארען און פולווארק סטושעלעץ הינטער קומנא.

אזוי ארום האבען מיר א לאגע אז די פאבריקאנטען האלטען אלץ עקשנותדיג זיך ביים פרייז פון צוקער און דערלאזען נישט דורך א נידריגערען פרייז צו פערגרעסערען די קאנסומציע פון צוקער דורך מענשען און זענען גרייט צו פערקויפען דעם זעלבען צוקער מיט 400 פראצענט נידריגער נאר פאר פערד... אדער פאר אויסלאנד.

Lekkomyślność

w sprawach gospodarczych jest szkodliwa tak w życiu zawodowem, jak i prywatnem. Poważni i przezorni ludzie stosują swoje potrzeby do dochodów i unikają przedewszystkiem niepotrzebnych wydatków. Częstym naprawom obuwia, a w szczególności obcasów, można zapobiec przez obcasy gumowe BERSON. Bersony są tańsze od skóry, nosi się je dwa razy tak długo, a przez swoją wysoką elastyczność chronią obuwie tam, gdzie się najbardziej zużywa.

Każdy praktyczny i oszczędny człowiek powinien nosić obcasy gumowe BERSON.

Noszenie BERSONA -- to prawdziwa rozkosz!

ימים-טובים דארף מען פייערן אזוי ווי זיי פאלען אויס.

אפט הערט מען אזעלכע ווערטער פון מענשען, וועלכע דערצעהלען פון א גוט-איינגעגעבענער פייערליכקייט און זיי זענען פשוט ענטציקט פון די דערלאנגטע מאכלים. היינט איז א פייערונג אהן מאכלים און געטראנקען נישט קיין פייערונג. ווי פרעהליך זענען די, וועלכע זענען פערפליכטעט ארומצוגעבען א מאהלצייט, וויסענדיג אז זיי וועלען בעקומען פיעל אנערקענונגען. אזא גוטע פערענדערונג פון א מאהלצייט גיט דער אויסגעצייכענטער עטקער'ס בודין, וועלכען מען קען לייכט און שנעל צוגרייטען פון ד"ר עטקער'ס בודין-פראשעק. א סך סארטען, אנהויבענדיג פון די איינפאכסטע ביז די אויסגעצייכנעסטע עטקער'ס בודינ'ס, קענען צופרידענשטעלען די גרעסטע פיינשמעקער. לויט די דעטאליכע פארשריפטען פון ד"ר עטקער קען מען אויסבאקען און א לייכטער און שנעלער פארם די בעסטע געבעקסען. — א בוכעל מיט פארשריפטען F פון ד"ר עטקער חיום אפענע און אנגענעהמע טיפלען ביים באקען, דורך איבערגעבענעם נאטורעל-קאלירטע אילוסטראציעס. ארעראם געבעקס, צוגעגרייט אויף ד"ר עטקער'ס בעקען נעהערט גוט, איז דעליקאט און איז לייכט צום פערדייען, ווייל קולען צום פערדייען איז איינע פון די וויכטיגסטע איינענשאפטען אין פערשיידענע פייערונגען.

ביי פערדארבענעם מאגען, אויבעלדריגען טויל-געשמאק, שטערן-קאפ-שמערץ, פיעבער שטוהל - פערהאלטונג, ערברעכען ווירקט שוין איין גלאז נאטירליכעס „פראנץ-יאזעף"-ביטערוואסער זיכער, שנעל און אנגענעהם. אנגעזעהענע מאגען - דאקטוירים בעווייזען, אז דער געברויך פון וואסער Franciszka Józefa ווירקט גוט פאר דעם דורך עסען און טרינקען איבערגעלאדענעם פערדייאונגס-וועג.

אינטערעסאנטע מעשה'לעך און גלייכווערטלעך.

שוין גענוג געזעסען.

וועלוועלע פאדאליע האט געהאט א שעהן געוועלב, וועלכעס האט איהם אבער נישט געבראכט קיין פרנסה און וואס מאל האט ער מעהר געלד אוועקגענעסען. נישט האבענדיג קיין עצה, האט ער בעשלאסען דאס געוועלב איבערצוגעבען.

ער האט גערופען א מעקלער און איהם געזאגט, אז ער זאל שאפען עמיצען וואס זאל איבערנעמען דאס געוועלב.

אבער אז יענער וועט פרעגען פארוואס די גיפט איבער דאס געוועלב, וואס זאל איך איהם זאגען?—האט געפרעגט דער מעקלער.

דאס איז טאקע שלעכט וואס איך האב נישט קיין תירוץ, פארוואס כ'גיב איבער דאס געוועלב.

איך וועל דיר געבען אן'עצה—האט דער קלוגער מעקלער געזאגט—שיק אוועק דיין ווייב און לאז ארויס א קול אז זי איז געשטארבען, זעץ זיך שבעה און ס'וועט הייסען אז צוליעב דעם ווילסטו דאס געוועלב מעהר נישט האלטען.

ס'איז אזוי געבליבען. וועלוועלע האט זיך אוועקגעזעצט שבעה און באלד האט דער מעקלער געבראכט א קונה אויפ'ן געוועלב.

פארוואס גיט איהר איבער דאס געוועלב?—האט דער קונה געפרעגט.

גאט האט מיך געשטראפט, א זעהר גוט געוועלב, א טייער געשעפט, נו, איז מיר, נישט פאר אייך געדאכט, דאס ווייב געשטארבען און אליין בין איך נישט אומשטאנד אזא גרויס געשעפט אויסצוהאלטען—האט וועלוועלע געענטפערט טרויעריג.

דער קונה האט זיך אביסעל געדונגען, ענדליך האבען זיי זיך פערגליכען און ער האט אויסגעצאהלט וועלוועלען די בעשטימטע סומע.

וועלוועלע האט דאס געלד בעהאלטען אין בוזים-קעשענע, זיך אויפגעשטעלט און געזאגט א גוטען טאג.

וואס, איהר געהט שוין ר' וועלוועלע?—האט דער קונה געזאגט—איהר קענט דאך אבזיצען די שבעה ס'מאכט נישט אויס.

א דאנק—האט וועלוועלע געענטפערט—איך בין שוין גענוג געזעסען, איצט קענט איהר שוין זיצען...

ווען ס'וואלט געוועזען פערקעהרט...

א קליינשטעטלדיגער פוילישער יוד איז אמאל געקומען קיין בערלין און ער האט געזוכט א כשר'ן רעסטאראן וואו צו עסען. ער איז ארומגעגאנגען איבער עטליכע גאסען ביז ער האט בעמערקט א רעסטאראן וואו עס הענגט משה רבינו'ס בילד און ער האט געטראכט אז דא דארף געוויס זיין כשר.

דאך האט ער נישט געוואלט פרובירען עסען ביז ער איז צוגעגאנגען צום בעל-הבית און איהם געפרעגט אויב דאס עסען איז כשר.

-וואס, איהר פרעגט זיך ערשט? — האט דער אייגענטימער צו איהם געזאגט—איהר זעהט דען נישט, אז אט הענגט משה רבינו.

יא, — האט דער קליינשטעטעלדיגער יוד געזאגט — זעהט איהר, ווען עס זאל זיין פערקעהרט, ווען איהר זאלט הענגען אויף דער וואנד און משה רבינו זאל שטעהן אונטער'ן בופעט וואלט איך זיכער געוואוסט אז ס'איז כשר, נאר אזוי ווי איהר שטעהט דא און משה רבינו הענגט, בין איך שוין נישט אזוי זיכער...

קליינינגקייטען.

פראפעסאר איינשטיין'ס נייע טעאריע איז גאנץ לייכט צו פערשטעהן, מען דארף בלויז פרוהער פערשטעהן זיין אלטע טעאריע.

פרעזידענט הובער האט פאר מערקע בעשטימט א יודישען אמבאסאדאר, ד. ה. אז ער האט אונז אבגעטהון אויף מערקיס.

וואס איז דער חילוק צווישען א קינה, קינא און א ראדיא ?

א קינא זעהט מען און מען הערט נישט, א ראדיא הערט מען און מען זעהט נישט, און א קינה נישט מען זעהט און נישט מען הערט.

פארוואס רופט מען אן'אויטאמאביל טאקע?

ווייל אט פאהרט ער אין מיטען גאס און אט א איז ער שוין אויף דיר.

51 קרבנות.

צייטונגס-פערקויפער (שרייט): עקסטרא-אויסגאבע! א גרויסער שווינדעל! 50 קרבנות!

פערבייגעהער קויפט א צייטונג און קוקט אריין: אבער אין דער צייטונג שטעהט דאך גארנישט וועגען קיין שווינדעל מיט 50 קרבנות!

צייטונגס-פערקויפער (ענטלויפענדיג): אט דאס איז טאקי דער שווינדעל, 50 קרבנות האב איך שוין געהאט און איהר זענט דער 51-ער.

לעהרער און שילער.

לעהרער: פארוואס קומסטו יעדען פריהמארגען אין שולע מיט אבגעפארבטע ליפען?

שילער: ווייל איך מוז זיך קושען מיט דער מאמע, איידער איך געה אין שולע...

די זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

די רעכטע קומען נישט אויף דער זיצונג — די פראגע וועגן דער אודען ארבייט — וועגען צוציהען צו פעראנטווארטליכקייט דעם פוריגען שטאָט-פרעזידענט מיט'ן מאגיסטראט. — וועגען איינקאסירען דעם אפצאהל פון וואסער פון די לאָקאטארען — נאָך וועגען די אנקלאגע אויף'ן מאגיסטראט צום מיניסטעריום.

דין מאָנטאג'דיגע זיצונג פון שטאָדט-ראַט איז וואסער פערגעקומען אונ-טער'ן צייכען פון דעם אינצידענס, וועלכער איז פערגעקומען אויף דער פוריגער זיצונג.

אזוי וועגען צו דער זיצונג דן רעכ-טע ראַטמענער פון ספעציעל פון די פאַרקעס נישט געקומען.

די זיצונג קומט פאָר בײַ דער אָנטײַ-לנאַמע פון 8 קאָרום, ר. ה. פון 31 ראַטמענער אונטער'ן פאָרזיץ פון פרע-זעס בוגײַסקי.

נאָכ'ן איבערלייענען דעם פראָטאָקאָל פון דער פריהערדיגער זיצונג דורכ'ן סעקרעטאר ר. פערערמאן טרעט מען צו צו בעטראַכטען דעם ערשטען פונקט פון טאָג-אָרדנונג, צו דער פראגע פון קאַנאַליזאַציע און וואסערלײַטונג.

דן דאָזיגע פראגע איז אויף אײַנער פון דן פריהערדיגע זיצונגען שוין דיס-קוטירט געוואָרען. אויף דער דאָזיגער זיצונג, ווי מיר האָבען איין זײַנער צײַט געמעלדען איז ארויסגערוקט געוואָרען דער פערשלאג וועגען ארויסטרעטען נעגען דער געזעלשאַפט „אולען" אויף'ן געריכטליכען וועג און וועגען צוציהען צו פעראנטווארטליכקייט דעם געוועזענעם פרעזידענט טערטשעטסקי, אויף דער אָנצטונער זיצונג איז פאָרגעקומען די ווײַטערדיגע פערטיעצונג פון בע-האנדלען די דאָזיגע פראגע.

און דער אָנגעלעגענהייט זאָגט זיך ארויס פרעזידענט יארמולאָוויטש וועל-כער ווײַזט אָן אויף די שווערינקייטען בײַם אונטערהאנדלען מיט דער אולען-געזעלשאַפט. ער בעט דאַרום בײַ דער געלעגענהייט ארויסצופיהרען די מײַ-נונג פון דעם צו דעם צוועק ספעציעל אײַנגעלאַדענעם דירעקטאר פון וואסער און קאַנאַליזאַציע-אונטערנעמונג פון וואַר-שא אינזש. פיעקארסקי. און זײַן רעפע-ראט איבער די דאָזיגע ארבייטען מאכט ער א רײַהע חוכמה'דיגע פאָרשלעגען בנוגע דעם טעכנישען אויספיהרען פון דער ארבייט, פעסטשטעלענדיג אז דורך די קאַנאַליזאַציע-ארבייטען אין טשענס-טאָכאָוו, ראַדאָם, לובלין און פּיעטר-קאָוו קען מען זיך איבערצײַגען ווי אזוי נישט צו קאַנאַליזירען קײַן שטעדט, ער האַלט אז מען קען דאַרום נישט בעשולדיגען דעם פוריגען מאַגיסטראט און אויך קײַן שום צד און ספעציעל שלעכטען ווילען. אָבער דאָך האָט אָנ-בעלאַנגט די שטראָף - סומעס פון אײ-בער א האַלבען מיליאָן זלאָטעס און אויך וועגען דעם אויפֿן פון פערנוצטען מאַטעריאַל אין דן שטעלונג פון איצ-טיגען מאַגיסטראט א פּאָלשטענדיג ריכטיגע און די געזעלשאַפט „אולען" דאַרף די דאָזיגע סומעס אומבעדינגט צוריקקערען.

פון די אַלגעמײַנע אָפּשאַצונג קען מען פעסטשטעלען אז אויך הײַ-יאָהר וועגען 60—70 פּראָצענט רעהרען גע-וואָרען פערפֿרוירען און א טייל איז געוואָרען בעשעדיגט, בעזונדערס דאָס אז די רעהרען וועגען געגוג פלאַך ארײַנ-געלעגט געוואָרען אין דער ערד, אז זײַ וועגען געמאַכט פון שלעכטען מא-טעריאַל.

נאָך דעם רעפעראט רעדט דער פרע-זידענט יארמולאָוויטש. ער ערקלערט אז עס וועט אויסגעהאַלט וועלען א ספעציעלע קאָמיסיע אויף אויסצופאָר-שען די גאַנצע אָנגעלעגענהייט און אז דער ה' פּראָקוראָר וועט פערשטע-לען דער דאָזיגער קאָמיסיע זײַנע בע-אָבאַכטונגען און שריפֿטען, אלס נויטי-גער מאַטעריאַל צום בענוצען.

עס האָט זיך דאַן אַנטוויקעלט א לענגערע דיסקוסיע, וועלכע איז שפּע-טער דערפֿיהרט געוואָרען צו דער פראַגע וועגען צוציהען צו געריכטלי-כער פעראנטווארטליכקייט דעם געוועזענעם פרעזידענט דר. טערטשעטסקי.

ר. אָקושקאַ חײַזט אָן, אז עס קאָן נישט זײַן קײַן רײד וועגען צוציהען צו פעראנטווארטליכקייט בלויז דעם געוועזענעם פרעזידענט נור דעם גאַנצען מאַגיסטראט און עהנליכען זײַן זאָגען זיך אויך ארויס דן ראַטמענער שלעזינ-גער און פאָרמאַנטשוק.

א רײַהע אַנדערע ראַטמענער זאָגען זיך ארויס געגען דעם דאָזיגען פאָר-שלאַג.

ר"ר בראַם חײַזט אָן אז דער פריה-העריגער פרעזידענט האָט פערנומען א נישט וויכטיגע שטעלונג צו דער ראַטמענער קאָמיסיע פאַר וואַסערלײַ-טונג און קאַנאַליזאַציע פראגען, און נור א דאַנק דער דאָזיגער קאָנטראָל-קאָמיסיע וועלכע האָט געשטעלט אַנ'-ענערגישען ווידערשטאַנד איז געלונגען אָפּצוהאַלטען די אולען - געזעלשאַפט פון צו בויען נאָך בריגעס אין זא-כזוש, וואָס עס וואָלט פעראורזאַכט דן שטאָדט מיליאָנען היזקות, ער חײַזט אויך אָן אז בײַם ענטדעקען א רײַהע מיסברויכען און פערנאַכלעסיג-קײַט און דער אולען ארבײַט פעררוינט א דאַנק דער ה' בעלעבאַנאַט אלס קאָנטראָלער.

ה' נויפעלר זאָגט אז מען מעהן אָנהויבען אַ'אַקציע געגען דער אולען-געזעלשאַפט און אדורכפיהרען דעם ארביטראַזש געריכט און דאַן און רעזולטאַט וועט מען קענען שפעטער זעהן, אויב די שטאָדט וועט האָבען היזקות, די שול-דיגע און זײַ צוציהען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

צום סוף ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון פרעזידענט וועגען געבען דעם מאַנדאַט א טערמין פון 14 טאָג אויף צוזשטעלען דעם שטאָדט-ראַט א גע-נויען בעריכט וועגען דער דאָזיגער פראגע און די דיסקוסיע ווערט אי-בעררופען.

דעם פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט וועגען אופן פון אײַנקאַסירען די געלדער פאַר וואַסער רעפערירט לאַווניק שפּי-רא, וועלכער ערקלערט אז דן אדורכ-געפיהרטע קאַנאַליזאַציע און וואַסער-לײַטונגס-רעהרען איז פעראַנען 60 קי-לאָמעטער און ביז-איצט וועגען דער-הײַל פערהאַן אין אונזער שטאָדט 60 הײַזער וועלכע וועגען שוין פערבונדען מיט די שטאָדטישע קאַנאַלען און גע-ניסען פון שטאָדטיש וואַסער, אזוי זע-נען פערלויפיג פערהאַן גרויסע רעפּי-ציטען.

דאָס אײַנקאַסירען די אָפּצאָהלען פון די לאָקאַטאָרען איז דער גרויס פון 20 פראָצענט פון דירה-געלד טרעפֿט אָן אויף א רײַהע שוועריגקייטען און פון צד דעם מאַגיסטראַט איז דאַרום ענט-שטאַנען דן פראַגע אז אין די הײַזער אין וועלכע דן גייט וואַסער - לײַטונג זאָל דעם אײַנגעקאָרדענט וועלען פאר'ן יאָהר 1930 זאָל דער מאַגיסטראַט אײַנקאַ-סירען דאָס געלד.

אין רעזולטאַט איז אָנגענומען גע-וואָרען דורכ'ן שטאָדט - ראַט א פאָר-שלאַג אז אין אויסנאַהם זאָל דאָס אײַנקאַסירען פון דעם אָפּצאָהל דירעקט פון די לאָקאַטאָרען געמאַכט ווערען דורכ'ן מאַגיסטראַט.

דאַן איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען אָנקלאָגען דורכ'ן מאַ-גיסטראַט א פּלאַץ אויף א געבײַדע א. נ. „היים פון אונאַבהענגיגקײַט" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צעהן יאָה-ריגער עקזיסטענץ פון פוילענס בע-פרײַאונג וועלכע איז הײַ-יאָהר געפײַ-ערט געוואָרען.

עס האָט זיך אַנטוויקעלט א דיס-קוסיע אין וועלכער עס איז אָנגעוויזען געוואָרען אז אויב דאָס אויפבויען דן דאָזיגע געבײַדע דורך דער געזעל-שאַפט פון געזעלשאַפטליכער ארבײַט אויף'ן נאָמען פון מאַרשאַל פּילסודסקי, ווערט אין משך פון אײניגע יאָהר די געבײַדע נישט אויפגעשטעלט ווערט דער פּלאַץ צוריק איבערגעגעבען ווערען אין אײַגענטום פון דער שטאָדט.

נאָכ'ן בעטראַכטען דעם טאָג - אָר-דנונג טרעט ר. קאָשושטערשאַק אָן מײַן אַנ'אינטערפּעלאַציע וועגען דער האַנדלונג פון ר. קאָרדיגן און די איב-ריגע כאַראַקטער'ש ראַטמענער וועגען דן ח'בית וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט געמאַכט אויף א רײַהע שטאָדטישע אונטערנעהמונגען ווי אויטאָבוסען, אַס-פאַלט-ברוקען א.א.וו.

דער מאַגיסטראַט מאַכט בעקאַנט די אַנוועזענדע ראַטמענער מיט דעם אינ-האַלט פון דעם מעמאָריאַל צום אי-נערן מיניסטער, דאַן האָט דער פּרע-זידענט פערגעלײַענט דעם אינהאַלט פון דער אָנקלאַגע און געמעלדען אז דאָס מיניסטעריום האָט דן דאָזיגע אָנקלאַגע איבערשיקט צו דער וואָיע-וואָדשאַפט, וועמען דער מאַגיסטראַט האָט אין דער פראַגע ארויסגעשיקט א געהעריגע ערקלערונג, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט אז דאָס קויפען די אוי-טאָבוסען איז שוין זעלבסט דורכ'ן שטאָדט - ראַט בעשטעטיגט געוואָרען דורכ'ן בעשטעטיגען אין בודזשעט דעם אָפּצאָהל פון אויטאָבוסען אין דער גרויס פון 40 טויזענד זל. א צאָהלען סומע איז אָנגעצאָהלט גע-וואָרען אויף די אויטאָבוסען (וועלכע האָט צוזאַמען געקאָסט 308 טויזענד זלאָטעס אויף'ן גרונד פון א בעשלוס פון דער [illegible] און פינאַנס-קאָמיסיע, דאָס זעלבע איז אויך נוגע די שטעלען אין דעם פּרעס-וואַלד. אזוי אז אין עלעמען איז פערבליבען פּלאַנע וועקסלען אויף א סומע פון 361 טויזענד זלאָטעס.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען ווערט בעשלאָסען אז דער שטאָדט-ראַט בעשטעטיגט די דאָזיגע אויסגאַבען און נעמט צו קענטניס די ערקלערונג פון מאַגיסטראַט. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען אז אין דער אָנגעלעגענהייט זאָל ווערען פערעפענטליכט א געהע-ריגער קאָמוניקאַט אין דער היגער פרעסע.

דערמיט ווערט די זיצונג 1 זייגער בײַנאַכט געשלאָסען.

אַלגעמײַנע פערזאַמלונג פון „אחי-עזר".

מיר האָבען שוין מיטגעטײַלט וועגען דער געזעלשאַפט פאַר געגענזײַטיגער הילף א. נ. „אחי-עזר" וואָס איז גע-שאַפען געוואָרען אין אונזער שטאָדט.

לויט די בעשטעטיגטע סטאַטוטען פון דער געז. איז איהר הויפּט-אויפ-גאַבע: צו ערמעגלען הילף אין א נויט-מיגען פאַל וועלכער איז ענטשטאַנען צוליעב א שווערער קראַנקהייט פון'ם מיטגליעד, ערמעגלען הילף און א נויט-מיגען פאַל נישט-אָבהענגיג פון געזונד-צושטאַנד פון'ם מיטגליד, אויך און פאַל ווען א מיטגליד שטאַרבט אײַנ-אָרדנען די לויה אויפ'ן חשבון פון דער געז. און אויסצאָהלען א געוויסע סומע דער איבערגעבליבענער פאַ-מיליע.

עס האָט זיך אין דעם פעראײַן שוין פערשריבען אלס מיטגלידער א בע-דײַטענדע צאָהל היגע אײַנוואוינער, און זונטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער - פעראײַן אַלעע 40 די ערשטע אַלגעמײַנע פערזאַמלונג, וועל-כע האָט אויסצוואַהלען א פערוואַל-טונג, און די געז. זאָל אָנהויבען איהר טעטיגקײַט.

אַלגעמײַנע פערזאַמלונג פון דער פאַבריקאַנטען און סוחרים-באַנק.

זונטאָג דעם 26-טען ר. ה. 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, וועט אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען און סוחרים פעראײַן פאָרקומען די יעהרליכע אַלגעמײַנע פערזאַמלונג פון דער סוחרים-באַנק.

ווי עס איז צו זעהן פון ספּעציעל ארויסגעגעבענעם בילאַנס, האָט די באַנק אין פעראײַנגענעם יאָהר זעהר שעהן פּראָספּערירט און געמאַכט רווחים.

עס ווערט געברויכט טיכטיגע אַגענטען

צו געהן פערקויפען פערשידענע לאַנד-שאַפטען אויך קונסטמאַלערײַ מיט גוטע פעדינגונגען. עס קענען זיך מעלדען אויך לאַנג - געקלײַדעטע בײַ גראַנעק, וואַרשאַווער 23, צו לעווין.

מעבעל

קענט איהר בע-שטעלען אין טישלער-ווערק-שטעל

פון א. ראָטשילד

אַלעע 16, וואו די ארבײַט ווערט אויסגעפערטיגט רעעל און צו מעסיגע פרײַזען. ס'איז נויטיג א לערן-יונגעל

פּטראַיינגעטער שקל-קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאָג דעם 19 ד. ח. האַלב 11 אַ זייגער פאָרמיטאָג

קומט פאָר אין זאַל „וואַרטא" אַלעע 26

א מאַסען-מיטינג

וועגען דער

שקל-אַקציע

צום הײַנטיגען 16-טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אויף וועלכען עס וועלען רעפערירען געוו. סיים-דעפּוטאַט

ד"ר יצחק שיפער פון וואַרשא

און אַנדערע.

אײַנגאַנג פרײַ! אײַנגאַנג פרײַ!

Mania Fajertażanka Zygmunt Świerczyński

ZARĘCZENI

Częstochowa w maju 1929 r.

Z intencji zaręczyn córki i siostry naszej MANI z p. ZYGMUNTEM ŚWIERCZYŃSKIM składają Im najszczersze życzenia rodzicielskie

Rodzice Fajertag, siostry i bracia.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער זוהן און ברודער זעליג שווערטשינסקי מיט פרל. מאַניאַ פײַערטאַג. זאָל זײַער לעבענס וועג זײַן בעצירט מיט בלומען.

עלטערן און געשוויסטער שווערטשינסקי.

צו דער פערלאָבונג פון מײַן קאָלעגע זיגמונט שוויער-טשינסקי מיט פרל. מאַניאַ פײַערטאַג ווינש איך זײַ פיעל גליק און צופרידענהייט

דוד אונגריק.

KINO „NOWY" ALEJA 43.

הײַנט און ווײַטערע טעג

אין ווײַטערען גאַנג פון אונזערע שלאַגערס!

מעכטיגער אמעריקאַנער פילם!

AWANTURA ARABSKA

אין די הויפּט-ראָלען: די שענע פילם-שטערן **מערי אַסטאָר,**

דער בעקאַנטער „גולבא" פון פילם „שטורם" **ע. וואַלהיים.**

דאָס אַנטלויפען פון 2 אמעריקאַנער סאָלדאַטען פון דײַטשען געפאַנגענען-לאַגער נאָך אַראַביע.

דער טויט פאַר אַראַבענען דעם שלײַער פון א אַראַבישער פרוי'ס פנים.

די ליבע צו א שײַך'ס טאָכטער.

דאָס אוועקפיהרען פון שײַך'ס טאָכטער.

דראַמאַט. קרײַז בײַם „טאָז" אין טשענסטאָכאָוו.

שבת דעם 25-טען מאַי, 9 אָוונט, אין זאַל „וואַרטא"

אויפ'ן פערלאַנג ווערט געגעבען צום צווייטען מאָל

„דאָס גרויסע געווינס"

(200,000)

פון שלום עליכם אין 4 אַקטען. רעזשי: ש. פראַנק.

ספּעציעלע דעקאָראַציעס, אָריגינעל חסידישער טאַנץ.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דרוקערײַ פון ה' בעטמאַן און אין „טאָז".

בקרוב א פּרעמיערע: „דער אײַביגער וואַנדערער" פון אָסיפּ דימאָוו.

קלײַנער פעליעטאָן

מײַנע פריהלינגס-געדאַנקען.

עס איז מײַנט א שלעכטער מנהג, אז אין פריהלינגס - חודש מאַי הויב איך זיך אויף גאַנץ פריה, עפען אויף דאָס פענסטער און עטעם אײַן די פרישע פריהלינגס - לופט. א צאַרט הימעל גלעט מײַנע האָר, מיר איז דאַמאָלס גוט אויפ'ן האַרצען, דער מח קלאָר און איך הויב אָן טראַכטען וועגען דער גרויסער, שעהנער, ליכטיגער וועלט, וועגען קלאָרען, רײַנעם הימעל און עפעס א נאָענטע בענקשאַפט פער-נעב'ט זיך מיר אין האַרצען.

נאָך אָנגענעהמער, האָב איך זיך געטראָפען, ווען זײַן דער הײַ-יעהריגער פריהלינג מאָס איז געקומען נאָך דעם שרעקען ווינטער און באַלד ווי עס איז געקומען דער מאַי האָב איך אויפגע-פראַלט דאָס פענסטער און זיך ארײַנ-געטראַפען מיט אַלע מײַנע חושים אין דער פריהלינגס-לופט. איך האָב גע-וואָלט בעקומען די ערשטע שטימונג איך האָב געוואָלט, אז מײַן קאַלט האַרץ זאָל אויפבריהען, עס זאָל שטאַרקער קלאַפּען דער אומפּולס פון מײַן נשמה און זיצענדיג אַזוי בײַם פענסטער און בעטראַכטענדיג דעם הײַ-יעהריגען פריה-לינג וועגען מיר געקומען אויפ'ן גע-דאַנק נײַע טאַטערנע פריהלינגס - גע-דאַנקען, וועלכע האָבען מיר קאַליע געמאַכט מײַן גאַנצע פעסטליכע שטי-מונג.

עס זעה איך ווי אזוי אונזערע קלײַנהענדלער וועלכע שטעהען און דעם אײַזערנעם קריטישען מאָמענט בײַם ראַנד פון אָפּגרונד, איז אַנשטאָט זיך צו פעראײַניגען און זיך האַלטען פעסט בײַ דן הענד, כדי זיך צו ראַטעווען פון פולשטענדיגען אונטערגאַנג, רײַ-סען זײַ זיך נאָך ארום און פערשנעלערען דעם שטויס צום גרונד.

און אויך די יעניגע וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען דעם ספּאָרט צו ערלעדיגען שחיטה און מחוז גאַרנישט כדי אײַנמאָל פאַר עלעמעל א סוף צו מאַכען צו דעם זינגלטוען ברודער-קאַמף וואָס ברענגט שאַדען דער גאַנצער יי-דישער מחנה, מעגליך געפונען זיך אין דער קאָמיסיע אַזעלכע, וועלכע האָ-בען לגבי דעם גאַנצען ענין נישט קײַן אויפריכטיגע כוונה, אזוי, אז דער אָנ-געשטעלטער ענין רוהרט זיך נישט פון אָרט און אויב עס ווערט נישט ער-לעדיגט וועגען אין די טעג פון פריה-לינג וועלען זיך באַלד די ח"ח רופ-טער פון דער קאָמיסיע צופאַהרען אויף זומער-וואַקאַציע און דערמיט וועלען זײַ פערשנעלערען דעם ווינטער און דן רײַהען פון די היגע יודישע קלײַנהענ-דלער.

אויך זעה איך מן דער ענין מיט דער שחיטה ווערט פערהיקעלט, מיר טאַפּען אין דער פינסטער און אײַנער פון די דאָזיגע וואָס דאַרף אָפּצוהי-טען דאָס קהלה-פערמעגען, אז לא די, וואָס ער היט עס נישט אָפּ, פערטשפּי-רינט ער נאָך דן שוחטים און פאָדערט אז מען זאָל זײַ אַהײַנגעבען אין ארענ-דע דאָס שחט-הײַזעל, נו מילא, וואָס דער דאָזיגער פאָדערט איז נאַבעלוש אַלץ, אויף דעם איז ער דאָך א בן-תורה, אז ער זאָל קענען געפינען אויף אַלעס א תירוץ, אפילו אויף אזא שטות אָבער וואָס מיך אונטערעפירט איז דאָס וואָס דן אַנדערע דאָזיגע בעלי בתים שווײַגען, פאַרוואָס ווערט נישט דער גאַנצער ענין עפענטליך און זאָל מען וויסען וואָס עס איז געשעהן.

עס זעה איך ווי עס איז נאָכמיטאָג, ווען די זון איז נאָך הויך אויפ'ן הי-מעל און די מוטערס אַלעען זיך מיט זײַערע קינדער אין די פאַרקען, פיה-רען זײַ אויף וועגעלעך, וואָלט זיך מיר זײַ זאָגען: נאַרישע מוטערס, צו וואָס דאַרפֿט איהר שלעפּען די וועגעלעך אז איהר קענט מיט אײַערע קינדער זיך אויפזעצען אויף די אויטאָבוסען וואָס וועלען אײַך צופיהרען צו די פאַרקען און און אָוונט אײַך צוריק אָפּפיהרען אהײַם, אײַ וואָס איהר בעקלאָגט זיך אז איהר מוזט פאַר זײַ בעצאָהלען צו 10 גראָשען (ווארום לויט דער לעצ-טער פעראָרדנונג מוז מען פאַר א פערזאָן פון 1 מאָל ביז 7 יאָהר צאָה-לען אויפ'ן אויטאָבוס 10 גר. פאַר א בילעט) לוינט עס אַלץ ווארום אויסער דעם וואָס איהר וועט זיך נישט דאַר-פען שלעפּען מיט די וועגעלעך וועט איהר דאָך דערבײַ מאַכען די שטאָד-טישע קאַסע.

דערנאָך זעה איך ווי אונזערע יודע-לעך סוחרים בעקלאָגען זיך אויפ'ן ספּקרוב, וואָס נעמט בײַ זײַ צו הויכע שטײַערן, ווילט זיך מיר זײַ זאָגען עס די אַלע סוחרים, און בעיקר דן קלײַ-ניקע סוחרים: וואָס בעקלאָגט איהר זיך אויפ'ן ספּקרוב לויט מײַן מײנונג איז דער ספּקרוב נאָך א צדיק געגען אײַך, ווארום דער פונט איז ווערט דעם שטעקען, איהר זאָגט מערדער אויף זיך אַלײַן, איהר פיהרט א פער-ברעכערישע קאָנקורענץ צווישען אײַך, איהר מאַכט דעם ספּחר מיט בלעטער צו גרעד, איהר ווילט יעגעם פערויסגע-פען אײַן אויג און דערפֿון נעמט איהר זיך ארום בײדע אויגען, לעבט אזוי ווי עס לעבען נישט יודישע סוחרים, נאָר עס פוהרען זיך אויסלענדישע סוח-רים, דאַמאָלס וועט איהר נישט דאַר-פען בעצאָהלען דעם ספּקרוב מיט'ן קרן פון אײַער אָדער גאָר פערטרע סחורה, נאָר איהר וועט בעצאָהלען מיט'ן פערדינסט, און אויך פאַר אײַך וועט נאָך עטוואָס בלײַבען.

און נאָך זעה איך ווי אזוי עס ווערט געפײַניגט א אָנגעזעהענע יודי-שע פאַמיליע פון א מענשען וואָס יו-דען האַלטען איהם פאַר א אוהב ישראל און ער האָט פרנסה פון יודען.

אין הויז וואָס געהער צו דער באַנק לודאָווי, וואוינט די יודישע פאַמיליע יאַסני, וועלכע איז פאַר דער מלחמה געוועזען זעהר פערמעגליך, הײַנט איז זײַ אָבער שווער רעגולער צו צאָהלען דאָס דירה געלד און אויף דעם הא-בען זײַ נאָך ארויסגעקוקט דן דירעק-טאָרען פון דער באַנק און האָבען אײַנ-געקלאָגט די פאַמיליע און ארויסבעקו-מען א עקסמיסיע.

ווען מען איז געלאָפען זיך פשרה'ן מיט דאָס אײַן דירעקטאָר פינצערעם מסכים געווען אז מען זאָל די עקס-מיסיע אָפּהאַלטען, איז אָבער דן צרה געווען דער צווייטער דירעקטאָר דער רעיענט פלעבאַנעק וויל דווקא א עקס-מיסיע, ער דאַרף דאָך האָבען, זאָגט ער, די דירה, פאַר זײַן אײדעם דעם דאָק-טער.

ווען מען פרעגט איהם פאַניע די-רעקטאָרושע, פאַניע רעיענט, ווי אזוי קען דאָס דײַן געוויסען דולדען צו אזא אונגערעכטע עולה און איבער-הויפּט איז דאָך פון אײַער זײַט געווען א טריק, אז עס זאָל זיך אויפהאַלטען צוויי קוואַרטאַלען פרײַ איהר זאָלט קאַ-נען בעקומען א עקסמיסיע, האַלט ער זיך דער רעיענט, וואָס האָט זײַן גאַנ-צע פּראַקטיק געמאַכט אויסשליסליך פון יודען אלץ בײַ דאָס זײַנעגע, ער דאַרף די דירה פאַר זײַן אײדעם.

אָט די דאָזיגע פריהלינגס געדאַנ-קען וועלכע איך האָב געהאַט אין חודש מאַי האָבען מיר קאַליע געמאַכט מײַן פריהלינגס-שטימונג.

סמאַל.

750.000 | 750,000

דיין גליק!

קאָנסטו געפונען דאָ אויפן אָרט קויפענדיג א לאָס

פון דער 19-טער מלוכה-לאָטעריע

ביי J. Weksler, Aleja № 6.

אַ פערטיל לאָס—10 זל., אַ האַלבער—20 זל., אַ גאַנצער—40 זל.

דאס גרעסטע געווינס 750.000

שוין די לעצטע טעג! יעדער צווייטער לאָס געווינט!

B. I-szy Asystent Kliniki chorób dziecięcych Uniwersytetu Jagiellońskiego w Krakowie

Dr. med. Włodzimierz JAROŃ

Specjalista chorób dzieci

ordynuje od godz. 2 — 4 po południu W CZĘSTOCHOWIE przy ul. Kilińskiego № 13, I piętro

אכטונג!

פילט מיט אייער אדרעס פאר פאסט אדער מונדליך

און איהר בעקומט אחיים געשיקט לויט אייער וואונש יעדען טאג גוטען און פרישען

קעפיר

צו בילינע פרייזען

ח. שטרוים, מאסטאָוואַ 17

Biuro Techniczne i Elektrotechniczne

„UNION" Sp. z o. o.

CZĘSTOCHOWA, ul. ŚLĄSKA № 4. Telefon № 770.

Dostawa wszelkich artykułów technicznych dla fabryk. Materjały elektrotechniczne. Instalacje światła i motorów elektrycznych pod fachowem kierown. inżynierów. Najdogodniejsze warunki dla instalacji oświetleniowych

RADJO. Radjoaparaty najnowszej konstrukcji światowych marek: Telefunken, Markoni, Baltic, Saba 3-4 5-6 i 8 lampowe.

Na bardzo dogodnych warunkach i na rozpłaty.

י. ל. שוויאטלי טשענסטאָכאָוו אָגראָדאָווא 34

האט אויפ'ס לאגער א גרויסען אויסוואהל פון קאפלעס, איבערטראָגבארע אַוועקד טעראקאָטענע פּאָטאדזקעס, גלאזורענע פליטען, קאמינקאַכע רעהרען פון דער פירמא

DZIEWULSKI i LANGE

אויך פון אלע צונאבען וואס חערען נעבריכט צו קאפלארסקע ארבייט

קאָנקורענץ פרייזען.

שפייזן - פעטס

צום בראָטען, פרעגלען און באקען איז

„פאטאקאל"

די בעסטע פלאנצען - פוטער

„פאטאקאנא"

דאס בעסטע שפייז - אייל

„פאטאס"

אלץ אונטער רעל שטרענגער השגחה פון דעם בענדינער ראבינאט.

פערטרעטער אויף טשענסטאכאוו און געגענד: י. גראדאן סטראושאצקא 14.

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927

Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.

דער „זאָאלאָגישער צירק" אין טשענסטאָכאָוו.

דער בעריהמטער „זואלאגישער צירק" אונטער דער דירעקציע פון דזשארסקי-העלסמאן און, בערבערנדאס מיט זייער בעריהמטען טון טייבעראל אנערקענטען ערשטקלאסיגען העלטלוניכען פראגראם האט זיך אפגעשטעלט אויף איניגע טעג ביי אונז אין שטאדט.

עס איז ווערט צו בעזוכען דעם צירק און צו זעהען אויסער א גאנצע רייהע אינטערעסאנטע אטראקציעס ווי שעהנע וואנגלעריען אקראבאטען, כאראקטער-עקסצענטרישע טענץ און הומאריסטיש-מוזיקאלישע נומערן. עס איז פערהאן א זעהר שעהנער פערד-טרעסור און בעזונדערס אינטערעסאנט איז די לייבען-טרעסור און דאס ערשטע מאל אין טשענסטאכאו ביז יעצט נאך נישט געזעהענער רינג-קאמף מיט א גרויסען לייב וואו דער דירעקטער בערבערן-דאס העלבער קומט ארויס פון קאמף א צוקריצטער און אנגעריסענער אבער דאך א זיגער.

מ. ע.

דורך א צופאל געראטעוועט געוואָרען פון א זיכערן טויט.

חענען א אויסערגעווערנליכען פארפאל, וואס האט געראטעוועט א מענשען פון טויט און א גאנצע פאמיליע פון אומגליקלאנג דערצעהלט מען אין אונזער שטאדט.

די פאמיליע הוננערמאן איז אמאל פאר דער מלחמה געוועזען א אנגעזעהענער סוחר און געפיהרט א בכבודיג הויז, אויך אין דער צייט פון דער מלחמה און נאך די מלחמה יאהרען האט זיך דער פאטער פון די פאמיליע געמוהט מיט אלע כחות אויפצוהאלטען דאס הויז.

לעצטענס אבער איז די לאגע געווארען קאטאסטראפאל, עס איז געווען כלות כל הקצין, די שפייזען פון איין זייט און די בענקראטען פון דער צווייטער זייט האט די פאמיליע רואינירט ביז צום לעצטען.

דער פאטער פון עטליכע דערוואקסענע קינדער, וואס האבען זיך געלערנט אין גימנאזיום איז טרויענענגען פערצווייפעלט. ער איז געווארען מורה שחורה'דיג, און אין זיין מוח האט זיך ארייגעגנבע'ט א געדאנק וועגן זעלבסטמארד, ער האט נישט געקאנט צוזעהען ווי זיינע קינדער הונגערן און ווי ער מוז זיי אפנעמען פון לערנען, אויך די קינדער וועלכע זענען געבילדעטע, האבען נישט געקאנט צוזעהן דעם צער פון זייערע עלטערן, מיט איין ווארט די פערצווייפלונג איז געווען אויף דער העכסטער שטופע, דאס דארפט איהר פערשטיין, עס איז שוין כמעט נישט געווען וואס צו פערקויפען פון שטוב, נאר אין לעצטען אויגענבליק ווען עס האט זיך אויסגעדוכט אז די לאגע איז האפנונגסלאז האט זיך פלוצים אויפגעמאכט די טהיר און מיט א שמייכלענדיג פנים איז אריינגעלאפען יונגעל מיט א אויסגעשריי מזל טוב, אבער לאָס האט געוואונען 75 טויזענד זלאטעס.

און די ערשטע מינוט ווען זיי זענען פאר גרויס איבעררשונג אזוי שטום געווארען, דער פערצווייפעלטער פאטער האט איינגאנצען געוואס פערגעסען אז פאר די לעצטע פאר גילדען האט ער געקויפט א צעטעל אין וועקסעל-קאנטאר פון ה' וועקסלער אלעע 6 און אינצט האט דער צעטעל געוואונען דן סומע פון פינף און זיבעציג טויזענד זלאטעס.

אזוי ארום איז דורך א צופאל, דורך א צעטעלע פון דער מלוכה-לאטעריע געקויפט אין וועקסעל-קאנטאר פון ה' יאכבים וועקסלער אלעע 6, געראטעוועט געווארען א גאנצע פאמיליע פון א זיכערן הונגער טויט פון אפגענע שענרע.

א גרויסער שקל-מיטינג.

זונטאג 11 אזייגער פריה קומט פאר אין זאל „תארטא" א גרויסער שקל-מיטינג געווידמעט דעם הערינגען 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס.

אויף דעם מיטינג וועט רעפערירען דער בעוואוסטער טאלאנטפולער רעדנער, געוו. סיים-דעפוטאט ד"ר יצחק שיפער פון ווארשא און אנדערע ארטיגע רעדנער.

„הפנה העברית".

נאך א לענגערער הפסקה, וועלכע עס האבען פערווארזאכט פערשידענע אויסערליכע און אינערליכע סבות, טרעט צו די „הפנה העברית" ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין טשענסטאכאוו בעניצען איהר טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער קולטור אין אונזער שטאדט.

שבת ח' אייר, פונקטליך 5 נאכמיטאג קומט פאר א פארלעזונג אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פילסודסקי 13, פון בעקאנטען העברעאישען עסקן און גלענצענדען פעדאגאג פראפ. ד. י. יאנאווסקי א. ד. ט. „אונזערע פליכטען לגבי דער העברעאישער שפראך אין יעצטיגען מאמענט".

פערמשפט'ע איז טשענסטאָכאָוו אויף 6 יאָהר תפיסה פאר קאָמוניזם. ענטלויפט פון א דענטיסטישען גאבינעט אין פיעטרקאָוו.

פערגאנגענעם דינסטאג איז אין א דענטיסטישען גאבינעט אין פיעטרקאוו ארפגעקומען 8 ארעסטאנטינס בעגלייט דורך צוויי פאליציאנטען.

די פאליציאנטען מיט 2 ארעסטירטע זענען געבליבען ווארטען אין ווארטע-זאל און איינע איז אריין אין קאבינעט.

שפעטער איז די פאציענטין ארויס דורך א צווייטע טיהר, און דער דענטיסט האט צו זיין ערשטוינונג געהערט א קלאפ מיט דער טיהר וואס פיהרט אין גאס ארויס.

ער איז באלד ארויס אין ווארטע-זאל וואו עס זענען נאך געזעסען די פאליציאנטען מיט די 2 ארעסטירטע, און באלד האט זיך ארויסגעוויזען אז די וואס האט זיך געהיילט ביים דענטיסט איז דורך א צווייטער טיהר ענטלאפען.

די ענטלאפענע ארעסטאנטין איז אסתר ברייגדיל שוועדטשינסקא 23 י. אלט, פון טשענסטאכאוו, וועלכע איז דורכ'ן קריזיס געריכט אין טשענסטאכאוו אין ערשטען אינסטאנץ, פערמשפט געווארען אויף 6 יאהר תפיסה פאר קאמוניזם.

פערלויפיג איז נישט געלונגען די ענטלאפענע ארעסטאנטין ארויפצוכאפען.

ס'נויטיגען זיך יונגלעך צו א שטעפער באלד געצאהלט

מ. פעלדבערג ערשטע אלעע נר. 1.

PRZETARG.

Do sprzedania kocioł parowy lokomobilowy budowy z 1925 r. w b. dobrym stanie, typu leżącego o 1-ej rurze płomiennej falistej, 96 rur płom. na podwoziu o pow. ogrzew. 60 mtr kw. na 10 atmosfer ciśnienia roboczego, z kompletną armaturą, oraz komin żelazny 600 m/m o wysokości 12½ mtr., z kompletnym ściągaczem firmy Fitzner i Gamper.

Oferty winny być składane w zapieczętowanych kopertach z napisem: „Oferta na kupno kotła", w terminie do dnia 29 maja 1929 r, do godziny 12-ej przed południem w biurze Wodociągów i Kanalizacji miasta Częstochowy przy ul Strażackiej Nr. 19, w którym to czasie nastąpi otwarcie ofert.

Do oferty należy złożyć wadjum w wysokości 8% oflarowanej sumy.

W razie, gdyby złożone oferty nie odpowiadały szacunkowi wymienionego wyżej kotła, zastrzegamy sobie prawo unieważnienia przetargu.

MAGISTRAT
WODOCIĄGI i KANALIZACJA m. Częstochowy

רינג-קייט פון ארבייטס-טעג לטובת דעם „קרן - החלוץ"

משה פישעף ענטפערט דעם ה' נחום קלארמאן מיט דעם פערדינסט פון 1 ארבייטס-טאג און רופט ארויס: ראט. ד. פיליפאוויטש, א. בינסקא, י. שווארצבוים, פ. בלומענקראנץ, יוסף פלעצקער

ישעיה גאלד ענטפערט דעם ה' יעקב ברוין און רופט ארויס: יהודה בראניאטאווסקי, דוד גאלדשטיין, מאיר ראזענצווייג, לייביל אפענהיים, משה חדש'י, מרדכי פולקאווסקי.

שמעון הייגטרויב גיט דעם פערדינסט פון 1 ארבייטס-טאג און רופט ארויס: ולפן גאלדבערג, אברהם ביבער, שלמה פאצאנאווסקי, פעריל שפולעוויטש, ארי געהערצמאן.

יעקב פישמאן גיט דעם פערדינסט פון 1 ארבייטס-טאג און רופט ארויס: פאלא זאבנוסקא, בראנקע פרענקעל, דבורה האלדבערג, זעליג קליינבערג, יצחק הערצבערג.

שרה גאלד גיט דעם פערדינסט פון 1 ארבייטס-טאג און רופט ארויס: שלמה פרייערמויער, זעליג קארמאזין, פאלא ציטערמאן, אברהם סקאָווראָן, חוה פאקטער,

בעריל הייסבערג ענטפערט יצחק יאקוב און רופט ארויס: משה קויפמאן, יחזקאל האלאנד, מיכאל קאשעווניק, יחיאל קראמאלאווסקי, שמואל פיינערשטיין

לייביל האָשניצא ענטפערט דוד געהערצמאן און רופט ארויס: זעליג קליינבערג, מענדיל ארענאוויטש, יעקב קליינבערג.

Z pieczywa Panie są zadowolone,
Smaczne, pożywne, a nadto też tanie,
Bo własnoręcznie było przyrządzone,
Niechkoniecznie spróbują wszystkie Panie:

באקין-אָדער געזונדהייטס-געבעקס

צוגאבען: 100 גר. פוטער, 100 גר. צוקער. 4 אייער, 250 גר. מעהל, א פעקיל באק-פראשעק פון דר. עטקער, 4 לעפעל מילך, געל שאלעכץ א האלבע ציטרין אדער א האלב פלעשעלע דר. עטקער'ס ציטרין-אייל צום באקען.

צוגרייטונג: פוטער, צוקער און געלבעל, מישט מען כדי צוגעקומען א פיאנע, צוגעבענדיג אייניגוויז ארורכגעזופט מעהל, אויסגעמישט מיט באקין, צוגיסענדיג מילך. צום סוף גיט מען צו צום קיכען ווייסעל צוקלאפט אויף פיאנע, צוגאבען און מען פולט אויס מיט'ן קוכען די אויסגעשמירטע מיט פוטער, פארם. דאס פלעציל דארף מען באקען 45 מינוט, דאס געבעקס איז לייכט צו פערדייען, אפילו פאר קינדער און קראנקע און עס בעווייזט אלע ערנעהרונגס-געגענשטענדען, וועלכע זענען נויטיג פאר'ן ארגאניזם. צולאזענדיג א שטיקעל פלעציל אין ווארימע מילך בעקומט מען אויסגעצייכענטע נאהרונג פאר קליינע קינדער. דאס געבעקס קען מען נאכ'ן ארויסנעמען פון אויווען אויפשטעלען צום טיש, אלס ווארימער בורין.

דער אויבענדערמאנטער פארשריפט איז ארויסגענומען פון מיין קאלירט-אילוסטרירטע „ביכעל מיט פארשריפטען" אויסגאבע F וועלכעס זאגט נאך נעהנטערע איינצעלהייטען וועגן אפאראט צום באקען און קאכען „דאס וואונדער פון דער קיך". דאס ביכעל קען מען בעקומען אין יעדען שפייז-געשעפט פאר 40 גר. אדער געגען שיקען פאסט-מארקען צו

Dr. August Oetker, Oliwa

וויכטיג פאר דאמען-שניידער און שניידערינס!

לעדער איז אלע פארבען אין גרעסערע שטיקלעך

צום פוצען: סליידער און מאנטלען

געלעגענהייטליך ביליג צו בעקומען איז לעדער - געשעפט

נייער מארק 6, 1-טער שטאק פרענט (איבער דער אפטייק).

Szkoła Rzemieślniczo Przemysłowa w Częstochowie.

Podajemy do wiadomości Absolwentom szkoły naszej z roku 1927/28, że pod koniec czerwca b. r. odbędą się EGZAMINA CZELADNICZE.

Bliższe szczegóły w kancelarji Szkoły.

די האנדווערקער-שולע אין טשענסטאָכאָוו.

מיר מאכען בעקאנט די אבסאלווענטען פון אונזער שולע פונ'ם יאהר 1927/8, אז ענדע יוני ד. י. קומען פאר עגזאמענס פאר געזעלען.

געניערס קען מען נעהאווער ווערען אין דער קאנצעלאריע.

פון שבת דעם 18-טען מאי

גרויסער יום - טוב פראגראם

איינצעלהייטען אין די פראגראמען.

אין פאטאפלאסטיקאָן: צווישען אנדערע די 1-טע מאי פייערונג אין טשענסטאכאוו.

איינגאנג פאר יוגענד ערלויבט.

פון היינט דורכ'ן זומער-סעזאן — אנהויב פון די פארשטעלונגען: וואכענטאג און ימים-טובים האלב 4, שבת האלב 6 און די איבריגע טעג 5 נאכמיטאג.

טעאטער „אדעאן" אלעע 27.

לעצטער סעאנס 9-15 שעהנד.

פון היינט און ווייטער גענצליך נייער פראגראם.

איינצעלהייטען איז די אפישען.

טעאטער נאוואשצי אלעע 12.

לעצטער סעאנס האלב 10.

Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk B. BOCIAN I-sza aleja 6